STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04711

A ZUN MIT A REGN

Abraham Moshcovich

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַווראָם מאָשקאָוויטש

אַ זון מיט אַ רעגן

לידער און מייסעלעך אין פערזן

צייכנונגען:
מישע שווארץ

ארויסגעגעבן פון מעכאבער.

בוענאָס איירעס
1 9 3 8

) IN ARGENTINE

SOL CON LLUVIA

(A ZUN MIT A REGN)

POESIAS Y RELATOS EN VERSO PARA NIÑOS

— DE —

ABRAHAM MOSHCOVICH

דאָס ביכעלע און די קינדערלעך

אין אַ שטוב אויף אַ טיש איז געלעגן אַ ביכעלע.
איז ווייסט מען נישט ווי אַזוי סע איז געקומען אַהער אויפן טיש.
ווייל, ס'האָט קיינער נישט געזען ווער סע האָט דאָס ביכעלע געבראַכט.
איז נישט אַנדערש, ווי דאָס ביכעלע איז זיך געקומען אליין צוגיין,

און סע האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן טיש
און זיך געבעטן: — גיט מיך אַ טיש.

איז אָבער אין שטוב קיינער נישט געווען און דאָס ביכעלע נישט גע־הערט, און נישט געזען.
איז דעם ביכעלע נימעס געוואָרן אַזוי צו ליגן, איז בײַ דעם די אומ־געדולד אלץ מער געשטיגן, ביזקל, סע האָט זיך געגעבן אַ צעבלעטער און אַ זאָג:

ביז ווען איז דער שיר,
אַז קיינער זאָל זיך נישט אומקוקן אויף מיר?
האָט דאָס געגעבן אַ מאַך — האָפּ!
און פון טיש אַ שפרינג אַראָפּ.
און צום פענסטער געגעבן אַ לויף,
און ארויסגעקוקט אויפן הויף.

און דאָרטן, אויפן הויף, האָט דאָס ביכעלע דערזען אַ סאַך קינדערלעך.
די קינדער, יינגעלעך און מיידעלעך, זענען געווען פאַרטאָן אין זייער פריי־דיקן שפּיל.

איז דאַך דאָס ביכעלע גרינג,
האָט דאָס געגעבן אַ שפרינג.

און איינס, צוויי, און דאָס ביכעלע איז שוין געווען אויפן הויף און זיך אַריינגעשטעלט אין ראָד צווישן אלע קינדערלעך.
האָבן די קינדער אָפּגעשטעלט דעם שפּיל, און זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם נייעם פרעמדן גאַסט — דעם ביכעלע.
האָבן די קינדערלעך געפרעגט בײַ דעם ביכעלע:
— ווי אַזוי הייסטו?
— ווי אַזוי איך הייס? יידיש איז מיין נאָמען! — האָט דאָס ביכעלע געענטפערט.
— ?! —
האָבן זיך די קינדערלעך איבערגעקוקט איינס מיטן אַנדערן, און כאָטשע זיי זענען אלע געווען יידישע קינדערלעך האָבן זיי נישט פאַר־שטאַנען וואָס דאָס ביכעלע מיינט, ווייל זיי האָבן קיינס נישט געקענט

לייענען יידיש. נאָר צווישן די קינדערלעך איז געווען איין ייִנגעלע, אַן עלטערער ייִנגעלע, וואָס האָט יאָ פאַרשטאַנען און געקענט לייענען יידיש.

האָט דאָס ייִנגעלע, וואָס האָט געהייסן מיכעלע,
אַ טאַנץ געטאָן: אַך, אַ יידיש ביכעלע.

און דאָס ייִנגעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז, און אַרום אים — אין אַ ראָד, אַלע איבעריקע קינדערלעך, און דאָס ייִנגעלע מיכעלע, האָט גענומען דאָס ביכעלע, און האָט אָנגעהויבן צו לייענען די שיינע לי־דעלעך און מייסעלעך, וואָס זענען אין דעם יידישן ביכעלע געווען אויפגע־שריבן. דאָס ייִנגעלע האָט יעדעס לידעלע און מייסעלע אויסגעטייטשט און געגעבן צו פאַרשטיין די אַנדערע קינדערלעך.

די קינדערלעך זענען געזעסן מיט אָפענע מײַלעכלעך און פאַרגאַפטע אייגעלעך און זיך איינגעהערט, וואָס דאָס ייִנגעלע מיכעלע, דערציילט זיי פון דעם יידישן ביכעלע.

אַז ער האָט שוין געהאַט אויסגעלייענט דאָס גאַנצע ביכעלע, און עס איז די קינדערלעך שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָבן זיי דעם ייִנגעלע גע־פרעגט, ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען יידיש, האָט זיי מי־כעלע געענטפערט:

— איך גיי אין דער יידישער שולע!

— מיר ווילן אויך גיין אין דער יידישער שולע — האָבן אַלע קינ־דערלעך אַ זאָג געטאָן!

אַז דאָס ביכעלע האָט דערהערט, וואָס די קינדערלעך האָבן געזאָגט, האָט דאָס געגעבן אַ שפּרונג אַ שפרונג און זיך אַוועקגעשטעלט דאָס ערשטע אין דער ריי, און אַ זאָג געטאָן צו די קינדערלעך:

— קומט, יידישע קינדערלעך, וועל איך אייך פירן אין דער יידישער שולע.

און שיין איז געווען צו קוקן, ווי דאָס ביכעלע האָט די קינדערלעך געפירט, און אין דער יידישער שולע מאַרשירט.

אַז די קינדערלעך זענען אָנגעקומען צו דער יידישער שול האָבן זיי געטראָפן די טיר אָפן, זענען זיי אַלע אַריין אין קלאַס.

אַז דער לערער האָט דערזען אַזוי פיל קנדערלעך, איז אים געוואָרן זייער וווּנדערלעך, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ווילט איר, קינדערלעך?

און אַלע קינדערלעך האָבן מיט איין קאָל געענטפערט:

— מיר ווילן קענען יידיש!

איז דעם לערער געוואָרן אַ כידעש, האָט ער פאַר פרייד זיך געריבן די הענט און פון דער שולע האָבן זיך צעשפּאַרט די ווענט, ווייל פון דע־מאָלט אָן האָבן אָנגעהויבן צו קומען אין שולע אַריין אַ סאַך, אַ סאַך יידי־שע קינדערלעך, ווייל אַלע, אַלע האָבן געוואָלט קענען לייענען און שרייבן יידיש.

און טאַטעס און מאַמעס היינט קוקן מיט כידעש
ווי זייערע קינדערלעך לייענען פון ביכעלעך — יידיש!

בערל מיטן באס,
יידל מיטן פידל —
פאַר די קליינע קינדערלעך
זינגט זיך דאָ א לידל.

א זון מיט א רעגן

א זון מיט א רעגן,
א זון מיט א רעגן;
עס לויפן די קינדערלעך אויף אלע די וועגן.

און לאָזן זייער פרייד אינעם שפּיל זיך צעשייטן.
האָט וואָלקנדל אויף לינקן שטראַלן זיך צעריטן:
און אַריין צו די קינדער אינמיטן.

און איבער די קעפּעלעך זייערע פאַלן,
פון רעגן די פּערל, און שיין פון די שטראַלן,
וואַקסן טוט דורך וואָלקן צעפּראַלן.

און ס'הופּקען די באָרוועסע פיסלעך און שפּרינגען;
און שטימעלעך קינדערשע די ליד צעזינגען
און אונטער דעם גאָלדענעם רעגן צעקלינגען.

אַ זון מיט אַ רעגן.
אַ זון מיט אַ רעגן.
און שפּיל מיט די קינדערלעך קליינע אויף וועגן.

באַגינען

אויסגעצירט מיט טוי בריליאַנטן,
ליגט דאָס רויִק גרינע פעלד;
ווי אַ יאַם מיט גרינע כוואַליעס,
כוואַליעט זיך אַ גרינע וועלט.

אָפּגעטונקט אין מאָרגן פרישקייט,
אונטער ערשטן זונען־שטראַל;
פליען פייגעלעך און פּראַווען,
פאַר דעם זומער גאָט אַ באַל.

טרילט זיין ניגן רויטינק־בריסטל,
שוואַרץ־קעפּעלע ענטפערט באַלד;
און די קליינע גאַלאָנדרינע,
לאַדט די געסט אין פונעם וואַלד.

און עס הויבן אָן צו קומען,
געסט פון נאָענט, געסט פון ווייט,
און שערענגעס, און זיג־גאַגן,
שליסט זיך אוים אַ פייגל־קייט.

אַ געפלי, און פאָך פון פליגל,
און דער ריי, און פאָר צו פאָר;
ס'ווערט פון טרילערל־קאַנאַריק
אָנגעפירט דער פייגל־כאָר.

פולט די לופט זיך אָן מיט לידער,
מיט געזאַנגען אַלערליי;
און ס'צעטראָגט זיך איבער פעלדער
פייגלשער קאַיאָר כאַריי.

די זון גייט אויף,
די זון גייט אויף,
צעשיט זי כוואַליעס שטראַלן; —
אין יעדן ווינקל,
גיט אַ פינקל,
ס'איז זונען־שיין געפאַלן.

פון נאַכט אַ סאָף,
איך עפן אויף,
דאָס טירעלע אָן זאָרגן; —
און קושנדיק,
און האַלדזנדיק,
אומאַרעמט מיך פרימאָרגן.

גוטמאָרגן זון,
גוטמאָרגן זון,
גוטמאָרגן, גראָז, בלומען; —
פון בעטל גלייך,
בין איך צו אייך,
שפּילן זיך געקומען.

און ווי איך שטיי,
איך דערזע,
טירן, טירלעך, אָפן; —
און באַלד צו מיר,
דורך טויער און טיר,
קינדער אָנגעלאָפן.

און אין אַ ראָד,
אַ גרויסע ראָד,
מיר שפּילן זיך און דרייען,
און הויך די זון,
זי טוט דערפון,
מיט קינדער־פרייד זיך פרייען.



בערעלע

בערעלע איז אויפגעש-אַגעז
און דערזעז, אַז ס'איז פאַראַנען
אַ טאָג אינדרויסן אַזאַ שיינער
און ער — אַ יינגעלע אַ קליינער,

האָט דרויסן אים אַ ציי געטאָן.
נעמט ער און ער טוט זיך אָן
און ער גיט אַ לויף אַרויס,
כאַפּט די זון אים אויף איר שויס.

ווערט בערעלע אַ זונען-שטראַל
הויבט אָן שטראַמען פרייד אַ קוואַל.
זון און קינד אין פרייד צעבליט,
זון מיט קינד האָט זיך צעשפּילט.

אַ ייִנגעלע - אַ מיידעלע

שפּילן קינדערלעך און טאַנצן
ווייערע אייגעלעך זיי גלאַנצן.
אייגעלעך גלאַנצן — פיסעלעך טאַנצן
אַט אַזוי אַ טאָג אַ גאַנצן.

ייִנגעלעך און מיידעלעך
דרייען זיך אין רעדעלעך;
מיידעלעך און ייִנגעלעך,
שליסן רינג אין רינגעלעך.

רונדאַרום — אַ רעדעלע
אַ ייִנגעלע, אַ מיידעלע
פרייד געקלאַנג צעקלינגט זיך
ווען קינד און שפּיל צעזינגט זיך!

אַ זוניקער טאָג, אַ גאָלדענער טאָג,
דער טאָג פון דער פרייד אינעם האַרצן!
אין זוניקן טאָג, אין גאָלדענעם טאָג;
אַ פרייד איז אין אַלעמענס האַרצן!

אין זוניקן טאָג, פאַרשווינדט די קלאָג
פאַרשווינדט די קלאָג פונעם האַרצן!
דער זוניקער טאָג, דער גאָלדענער טאָג,
צינדט לעבן אין אַלעמענס האַרצן!

אַ לעבן אויף דיר, דו זוניקער טאָג,
דו ליכטיקער טאָג אינעם האַרצן!
נו, זינגט זשע אַ הימן צום זוניקן טאָג,
אַ זון שיינט פון אַלעמענס האַרצן!

אָוונט

זון פאַרגאַנג, אין אָוונט צייט,
ווי אַ פּאָדים דינע זייד,
שפּינט זיך ערגעץ אויס די רו —
אָוונט רו.

עפּשער דאָ, און עפּשער דאָרט
איז פאַראַנען אַזאַ אָרט,
ווו עס שפּינט זיך אויס די רו —
שטילע רו.

קומט דער אָוונט און ער שפּינט, —
און צעשיקט אויף פלינקן ווינט,
פאַר דער וועלט פאַרנאַכטן רו —
רוע רו.

און קינדערלעך אין מאַמעס שויס,
רוען אייוורימלעך זיך אויס;
שמייכעלעך פאַרוויגט אין רו —
טרוים און רו.

און אַזוי דער אָוונט שפּרייט,
וועבט כאַלוימעס שטילערהייט,
זאָגט אַזויפיל גליקן צו —
אין דער רו.

און דער אָוונט טוט פאַרוויגן,
קינדערלעך אין זייערע וויגן —
און זיי שלאָפן אַזוי זאַכט:
קינדערלעך, אַ גוטע נאַכט!

באַנאַכט אין קאָלאָניע

שטיל איז די נאַכט אין קאָלאָניע,
די ביימער זיי שטייען פאַרטראַכט;
עס שטייען די שטיבלעך פאַרכאָלעמט
און הערן דעם סאָד פון דער נאַכט.

גרינינקע גרעזעלעך דרימלען,
עס וויגט זיי פאַמעלעך דער ווינט;
פון ערגעץ אַ שטיבעלע הערט זיך
אַ וויינענדיק קאָל פון אַ קינד.

עס הערט זיך אַ פאַטשן פון פליגל
אַ האָן קרייעט: „קו־קו־רי־קו”;
און ס'ענטפערן אים אַלע הענער:
קו־קו־רי־קאָ־רו!

און ס'דראַפען זיך קעץ אויף די דעכער
און מאַכן געוואַלדן „מיאַו־מיאַו”;
די הינט לויפן אום אין די הויפן
און בילן אין נאַכט אויס „האַו־האַו”!

עס הערט זיך אַ מעקען פון קעלבלעך
פון וויטנס דער רויש פון אַ מיל;
עס שפרינגען די פערדלעך און הירזשען,
און ס'קלינגט אָפּ דער עכאָ אין דער שטיל.

דאָס פייגעלע און דאָס ייִנגעלע

קלאַפּט אַ פייגעלע אין מיין פענסטער,
און עס רעדט צו מיר:
ייִנגעלע, ייִנגעלע, קום אינדרויסן,
שפּילן כ׳וויל מיט דיר!

זע, ווי שיין דער זומער־טאָג איז,
ליכטיק און צעהעלט;
קום אַרויס, מיר וועלן פליען,
צו דער קינדער־וועלט!

— קלאַפּ ניט, פייגעלע, אומזיסט איז
היינט דיין רופן מיר;
ווען איך קען נאָר, כ׳וואָלט געפלויגן,
שפּילן זיך מיט דיר! —

נאָר איך קען נישט, זעסט, איך קען נישט,
זעסט, אַט באַלד איך וויין;
ס׳האָט מיין טאַטע היינט באַשטראָפט מיך,
ווייל כ׳בין שלעכט געווען!

ווייל כ׳האָב די לעקציעס נישט געלערנט,
די אויפגאַבן נישט געמאַכט; —
האָט אויף אַ גאַנצן טאָג, מיין טאַטע,
אין שטוב דאָ מיך פאַרמאַכט!..

נאָר אַז דו וועסט קומען מאָרגן,
וועל איך מיט דיר שוין גיין.
ווייל כ׳וועל שוין לערנען, און וועל פאָלגן,
אַ גוטער ייִנגל זיין. —

קום זשע, פייגעלע, קום מאָרגן,
און זאָלסט רופן מיר; —
ס׳וועט מיין טאַטע מיך שוין לאָזן
שפּילן גיין מיט דיר!

#ביילקעלע און פריידעלע

ביילקעלע און פריידעלע
זענען מיידעלעך שיינע,
זאָגן מאַמען אַלע טאָג:
מיר ווילן אין שולע גיין.

טוט די מאַמע באַלד זיי אָן,
קליידעלעך און שיך,
פירט מען זיי אין שולע אַוועק,
לויפן זיי אויף גיך.

זיצן זיי אין שולע שוין
שטילינקע און פיין,
און וואָס דער לערער לערנט זיי,
הערן זיי זיך איין.

לערנט לערער זינגען זיי,
לידעלעך אַ קראַנץ...
י. ל. פּערעצעס „שיפּעלע"
און „טאַנץ מיידעלע טאַנץ".

איז אַ פרייד אויף ביילקעלען
און פריידעלע פול גליק —
גייען שוין פון שול אַצינד
אין זייער היים צוריק.

און אַז פריידעלע און ביילקעלע
קומען אין זייער הויז,
פון אַלץ וואָס לערער לערנט זיי,
דערציילן מאַמען אויס.

און זינגען איר די לידעלעך,
וואָס מען זינגט אין שול,
קוועלט מאַמעס האַרץ פון קינדערלעך,
מיט פרייד די שטוב ווערט פול.

מיין טעכטערל

ריוועקעלעם וויגלידעלע

איקעלע, קיקעלע איי־ליו־ליו,
דיין מאַמע וויגט דיך איצטער צו;—
מיט אַ לידעלע שלעפט דיך איין;
זאָלסט מיר אַ געזונטע זיין.

אין נעסטן שלאָפן די פייגעלעך,
פאַרמאַכזשע דיינע אייגעלעך;
וועסטו אין שלאָף אַ כאָלעם זען —
ווי דיין וועלט איז הערלעך, שיין.

ס'איז אַ וועלט פון גאָלע פרייד,
ווו אַלדעסגוטס איז אָנגעגרייט;
פולע עמערס, פולע קריג —
פאַר מיין טעכטערל אויצרעס גליק.

שלאָפזשע טעכטערל, שלאָפזשע איין,
האַלעוואַי זאָל דאָס נאָר עמעס זיין;
וואָס איך ווינטש דיר צו אַצינד —
ס'שמייכלט שוין פון שלאָף מיין קינד.

ש־ש־ש־ט־י־ל זאָל זיין, קיין שאָרך קיין ריר.
טאַטע און מאַמע נעבן דיר; —
איקעלע, קיקעלע, איי־ליו־ליו,
אונדזער אויצערל ביזטו.



אַ ברויגעז

ריגעלע, ריגעלע רויגעז,
קיקל און בער זענען ברויגעז; —
ריגעלע, ריגעלע ריג,
זיי זענען שוין כּאַווער צוריק.

וואָס איז געשען מיט זיי ביידן?
ס׳וויל בערעלע גיין צו זיין זיידן!
און קיקל וויל אַנדערש נישט גיין,
ווי נאָר צו איר באָבען איצט גיין!

שטייען זיי ביידע ווי האָזן,
די נעזלעך אַראָפּ, אָנגעבלאָזן.
און מאַכן אַ ליפּ אָט צום וויינען.
ווער ווייסט וואָס דאָ איז קען מען מיינען.

נאָר אָט קומט אַריין זייער זיידע!
פאַרגעסן אין ברויגעז שוין ביידע; —
און אַז סע באַווייזט זיך די באבע,
ווערט ערשט א סימכע אַוואַדע!

נעמט זיידע אַרויס שאָקאָלאַדע,
די באָבע דערלאנגט מערמעלאדע.
און בערל ווייזט נייע צוויי ציינדלעך,
און קיקל ווייזט כּאָכמעס און ביינדלעך.

און ריגעלע, ריגעלע רויגעז.
געווען זענען קינדערלעך ברויגעז;
ריגעלע, ריגעלע ריג,
זיי זענען שוין כּאַווער צוריק!

שכײנים

אַ קעצל און אַ מײזל
װױנען אין אַ הײזל.
דאָס מײזל אין אַ לעכל,
דאָס קעצל אױפֿן דעכל.

און בײדע זענען שכנים,
זײ װױנען דאָך אונײנעם —
בײדע אין אײן שטיבל,
אױפֿן דעכל, און אין גריבל.

איז הונגעריק דאָס מײזל,
איז הונגעריק דאָס קעצל,
און ס'איז דאָ אין הײזל
קעז, און פּוטער־פּלעצל.

און װי ס'באַװײזט דאָס מײזל,
זיך אַרױס פֿון לעכל,
גיט אַ שפּרונג אין הײזל
דאָס קעצל פֿונעם דעכל.

דאָס מײזל, סע דערשרעקט זיך,
אַנטלױפֿט צוריק אין לעכל
און דאָס קעצל אױפֿן דעכל,
איז זאַט שױן און באַלעקט זיך.

און אין לעכל פֿונעם הײזל,
זיצט הונגעריק דאָס מײזל,
און איז ברוגז אױפֿן קעצל,
װאָס האָט אױפֿגעפֿרעסן ס'פּלעצל.

אַ קעצל און אַ מײזל
װױנען אין אײן הײזל.
דאָס מײזל אין אַ לעכל,
דאָס קעצל אױפֿן דעכל.



דאָס ווונדערלידל קלינג-קלאַנג

קלינגל, קלאַנגל, קלאַנגל, קלינג,
אַז אַרל, נאַרל, גיט אַ זינג,
טוט די ציג פון דאַך אַ שפּרינג.

און אַז סע גיט אַ שפּרינג די ציג,
טוט דער דאַך זיך אַ צעוויג,
אַ צעשאָקל הין און קריק.

גיט אַ וואַקל זיך דאָס הויז,
שרעקט זיך איבער קאַץ און מויז,
און לויפן ביידע אין הויף אַרויס.

און סע ווערט באַלד אויפן הויף
אַ געיעג און אַ געלויף —
אַלע קומען זיך צונויף.

קומט מען זען וואָס ס'איז געשען,
טרעפט מען אַרל, נאַרל שטיין.
ווי ער זינגט פאַר זיך אליין.

קומט דאָס גאַנצע הויז־געזינד
און די מאַמע מיטן קינד,
און פון פעלד די שאָף און רינד.

קומט די קו אויך מיט איר קעלבל —
דער קאַנאַריק און דאָס שוועלבל,
און דער סויכער פון געוועלבל.

און די הינער מיטן האָן.
און דער אינדיק בלאָזט זיך אָן,
און שטעלט זיך אויך אַריין אין קאָן —

און דער זיידע, מוישע יידל,
און בערל באַס שפּילט אויף זיין פידל,
און אַרל, נאַרל, זינגט זיין לידל.

העלפן אַלע, אַלע, אונטער,
און דער הויף ווערט פרייליך מונטער,
ביז ער גייט אַ טענצל אונטער.

טאַנצט די ציג און ס'טאַנצט דער באָק,
קאַץ מיט מויז אין אַ געהאָפּ —
אויף אַרויף, און אויף אַראָפּ.

און נאָך געטאַנצט זיי וואָלטן איצטער —
נאָר אַרל, נאַרל, שוין אָט זיצט ער,
אַ פאַרמאַטערטער, פאַרשוויצטער.

און די נאַכט איז אָנגעלאָפן,
און זיי אַלעמען געטראָפן,
און אַהיים געשיקט זיי שלאָפן.

און אַרל, נאַרל, אונדזער יינג?
וועט מאָרגן ווידער טאָן אַ זינג,
זיין וווּנדער־לידל — קלאַנגל, קלינג!



אַ כאָלעם פון אַ ייִנגעלע

רייט אַ ייִנגעלע אַ קליינס,
אויף אַ פערדעלע אַ שיינס,
לויפט דאָס לייכט און פלינק גאַלאָפּ
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ!

און דאָס ייִנגעלע, דאָס קליינע,
אויף דעם פערדעלע דאָס שיינע
האַלט זיך פעסט אין גריווע אָן,
ווייסט אַליין נישט וואָס צו טאָן...

שרייט דאָס ייִנגעלע טרר, טרר,
מאַכט דאָס פערדעלע, פרר, פרר, —
און עס פּראַסקעט מיט דער נאָז
און סע יאָגט אַזוי ווי אַ האָז...

אָטאָ, לויפט דאָס באַרג אַרויף,
שוין קימאַט באַם סאַמע סאָף,
פּלוצעם — גיט אַ פאַל אַראָפּ
לויפט דאָס ווידער באַרג אַראָפּ...

לויפט דאָס גיכער נאָך פון פריר,
אָן אַ סאָף און אָן אַ שיר.
מיט דעם אויג קוים, קוים צו זען,
ווי אַ פּינטעלע ס'איז קליין...

און דאָס ייִנגעלע, העי, העי!
אַ געלויף און אַ געשפּריי,
פערדל קליין, און ייִנגל קליין,
קוים מיט אויג מען קען דערזען...

לויפט דאָס פערדעלע פאַרביי
אין אַ וויכערדיק געדריי,
איבער דעכער, איבער שטוב
איבער טייכן, איבער גרוב...

און דאָס ייִנגעלע אין קאָן
ווייסט אַליין נישט וואָס צו טאָן
ציטערט דעם אַ צאָן אין צאָן,
האַלט זיך פעסט אין גריווע אָן...

שרייט דאָס ייִנגעלע, טרר, טרר,
מאַכט דאָס פערדעלע, פרר, פרר —
און עס פּראַסקעט מיט דער גאָן,
און סע יאָגט אַזוי ווי אַ האָז...

ווי דאָס פערדל לויפט אַזוי
פלוצעם — וויי, און וויי, און אוי! —
איינגעוויקלט אין אַ רויך,
ס'איז אַרויף אין הימל הויך...

און ס'האָט דאָרט זיך אָפּגעשטעלט.
ס'איז גאָר דאָרט אַן אַנדער וועלט,
ס'האָבן דאָרט די מענטשן גאָר,
פליגל צוויי, און לאַנגע האָר...

און אַ ליטער, קלאָר געזיכט,
ווי באַשיינט מיט שטראַלן ליכט,
און זייער שטימע — האַרפּע קלאַנג,
אַ מאַלאַכימדיק געזאַנג...

און אין הויך אין יענער וועלט,
שטייען פּאַלאַצן צעשטעלט
אַ פּאַלאַץ דאָ, אַ פּאַלאַץ דאָרט
אומעטום אויף יעדן אָרט...

און אין פּאַלאַץ אין דער מיט,
שטייט אַ טיש מיט גאָלד געשניט —
שטייען בענקלעך אים אַרום,
און אַרום איז אַלצדינג שטום...

פּלוצעם עפנט זיך אַ טיר
און עס קומען אָן אַ שיר,
מענטשן מיט די פליגל צוויי,
וואָס אַ יעדער האָט פון זיי...

און מען זעצט זיך אַלע אויס
באַ דעם טיש פון גרויסער גרויס —
זיצן אַלע שטילערהייט
מיט די פליגל אויסגעשפּרייט.

און ס'האָט איינער דאָרט פון זיי
אַ פּאָך געטאָן מיט פליגל צוויי,
און אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ,
און ער רופט זיך אַזוי אָפּ:

— „זאָג נאָר, ייִנגעלע דו קליינס,
אויף דעם פערדעלע דעם שיינס,
וואָס האָסטו אַזוי פאַרשאַרט
טאַטע מאַמע אָפּגענאַרט?

„אַז דו ביזט אין שול געווען! —
מיינסט מיר האָבן נישט געזען?
אַז דו האָסט געשפּילט זיך דאָרט
אין אַ אויסבאַהאַלטן אָרט!

ענטפער, ייִנגעלע דו שלעכטער,
זאָג אַליין ביזט אַ גערעכטער?
מעג מען נאַרן, איז דאָס שיין
אין שולע נישט צו וועלן גיין?!

„און דערפאַר וועסטו אַצינד
שטראָף באַקומען פאַר דיין זינד". —
— נעמט און בינדט אים פיס און הענט
און אין פייער אים פאַרברענט!"

בינדט מען אים די פיס און הענט
און אין פייער שוין ער ברענט,
אָט פאַרברענט ער זיך דאָך באַלד,
שרייט מיט קוילעם — אוי גוואַלד!..

ווי ער מאַכט אַזאַ געשריי
גיט מען אים אַ שטאַרקן דריי,
און מען וועקט אים טייקעף אויף
פון זיין האַרטן, טיפן שלאָף...

שפּרינגט ער אויף מיט שרעק אין בעט,
נעבן אים זיין מאַמע שטייט
און זי גלעט אים ווייך און לינד,
—„פאַרוואָס שרייסטו, זאָג מיין קינד?"

קוקט ער זיך אַרום אין הויז,
זעט ער, ס'איז אַ כאָלעם בלויז...:
פרייט ער זיך און טאַנצט און זינגט
אויף זיין מאַמעס שויס ער שפּרינגט.

און דערציילט איר אַקוראַט
דעם כאָלעם, וואָס ער האָט געהאַט,
און ער טאַפּט זיך מיט די הענט,
צי ר'איז טאַקע נישט פאַרברענט.

און דאָס מייסעלע איך ענדיק,
ווייל דאָס ייִנגל איז שוין שטענדיק
אַלע טאָג אין שול געגאַן
און געלערנט ווייל און פיין —

נאַשערס

קומט אַריין די באַלעבאָסטע
און גיט אַ זאָג: — אָטאָסטע,
ווער האָט אויפגענאַשט די מילך! —
גיט זי אויפן קאָל אַ הילך.

און דאָס קעצל מיטן הינטל,
שטייען אין אַ ווינקל.
אויסבאַהאַלטן אונטערן טיש,
און ציטערן ווי די פיש.

פלוצים גיט די באַלעבאָסטע אַ קוק.
און גיט דעם טיש אַ רוק.
האָט זי דאָרטן דערזען
טשיטשען און מיצין דערשראָקענע שטיין.

אַהאַ! גיט זי אַ זאָג און בייז,
איצטער, נאַשערלעך, איך ווייס,
דאָס האָט איר די מילך געטרונקען!
אין אירע אויגן ברענען פונקען.

און טשיטשע און מיצי פול שרעק,
דרייען אַהער און אַהין מיטן עק,
דאָס ווילן זיי זאָגן: — באַלעבאָסטע נײַן,
נישט מיר זענען דאָס געווען.

נאָר די באַלעבאָסטע גיט זיי אַ נעם,
און אירע הענטלעך די דאַרע אַ קלעם,
און גיט אַזאַ דריי מיט אַ ריגל,
און שטעלט זיי אַוועק אַנטקעגן אַ שפּיגל.

— נו, איצטער נאַשערלעך, נישט געשוויגן.
זאָגט דעם עמעס, נישט קיין ליגן.
דאָ אין שפּיגל קענט איר זען,
ווער דער נאַשער איז געווען.

און טשיטשע און מיצי שטייען און קוקן,
זייערע קעפּלעך פאַרשעמטע זיי בוקן,
און פון שרעק זענען זיי קאַלט ווי אייז,
ווייל זייערע פּיסקלעך זענען פון דער מילך נאָך ווייס.



שפּיל

שלוימל איז דאָס פערדל,
בערל איז דער רייטער —
פאָרן זיי אַוועק אַצינד,
אין דער וועלט דער ווייטער.

ווי אַ פערדל — שלוימל —
פראַסקעט מיטן נעזל.
טראָגט ער אויף זיך בערלען
יאָגט אַזוי ווי אַ העזל.

און אינמיטן שפּילן,
פאַרבייגט זיך זיי אַ קנייטשל —
ס'האָט שלוימל אַזאַ צוויק געטאָן
בערלען מיטן בייטשל.

האָט בערלען דאָס פאַרדראָסן,
עס טוט אים וויי — ער וויינט.
און ס'בעט זיך שלוימל: — בערל,
כ'האָב נישט אַזוי געמיינט!

איז—אויס פערדל, און אויס רייטער.
אַ ברויגעז ווערט — און שטיל;
אַ ווײַלע אַזוי געדויערט עס,
אויס כאַווער און אויס שפּיל.

נאָר בערעלע, און שלוימל,
זענען גוטינקע ברידער,
צעלאַכן זיי זיך ביידע
און שפּילן זיך פריילעכע ווידער.

און שלוימל איז דאָס פערדל,
און בערל איז דער רייטער; —
פאָרן זיי אַוועק אַצינד,
אין דער וועלט דער ווייטער.

קאַרנאַוואַל

עטעלע האָט פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ ייִנגעלע,
סענדערל — פֿאַר אַ מיידעלע,
זי האָט אָנגעטאָן זיין אַנצוגל,
ער האָט אָנגעטאָן איר קליידעלע.

און מיט פּודער און מיט פֿאַרבן,
מיט מעל און מיט וואַסער צעפּירט,
און דערנאָכדעם, די פּעניםלעך זייערע,
מיט ווייס און מיט רויט זיך פֿאַרשמירט.

קומט דער טאַטע פֿון דער אַרבעט,
די מאַמע, פֿון קיך קומט אַריין,
און עטעלע און סענדערל, פֿאַרשטעלטע,
וואַרטן וואָס דאָ וועט זיין.

רופֿט דער טאַטע סענדערלעו,
לויפֿט גאָר עטעלע צו,
און אַז מאַמע רופֿט צו זיך עטעלעו,
איז נעבן איר סענדערל דאָ.

און סענדערל און עטעלע לאַכן,
מיינען אַז מע דערקענט זיי נישט.
נאָר פֿון די קושן פֿון טאַטע־מאַמע,
האָט זיך די פֿאַרב אָפּגעווישט.

ערשט דעמאָלט, אָ, ווערט אַ געלעכטער,
אַ פֿרייד אויף קינדערלעך צוויי.
און טאַטע און מאַמע פֿול נאָכעם
קוועלן אײַנעם מיט זיי.

אַ רעגן

אָווּאַ! אָווּאַ! ס׳אַראַ רעגן!
זעט, עס האָט זיך היינט צערעגנט.
גלייך עס וואָלט זיך ערגעץ ווו דאָרט,
יאַם מיט הימל גאָר באַגעגנט.

און דער הויכער, גרויער הימל,
איז צום יאַם אַראָפּגעזונקען;
און האָט מיט זיין מויל דעם גרויסן,
דעם גאַנצן יאַם זיך אויסגעטרונקען.

און דערנאָך זיך אויפגעהויבן,
וואָס אַמאָל אַלץ שווערער, שווערער;
און צונויפגעזאַמלט כמאַרעס,
וואָס אַמאָל אַלץ מערער, מערער.

און עס האָבן זיך די כמאַרעס,
איינס אין צווייטן אָנגעשלאָגן;
גיט אַ בליץ אַ שפּריי מיט פייער,
און אַ דונער קנאַל צעטראָגן.

און אַ ווינט האָט זיך צעוויעט
אומגעלאָפן אויף די וועגן,
און אַיעדערן געוואָרנט:
„היט אייך, היט אייך, ס׳קומט אַ רעגן!“

זענען מענטשן זיך צעלאָפן,
יעדער אײַנער אין די שטיבער,
און די פייגלען אין די נעסטן,
און די ווערים אין די גריבער.

און ס׳האָט אָנגעהויבן גיסן,
אַ מין גרויסער, שטורעם רעגן;
איז געוואָרן פול מיט וואַסער,
אַלע גאַסן, אַלע וועגן.

איז געוואָרן גאַסן — יאַמען.
און די שטיבלעך — קליינע שיפן;
שווימען אום אַזויפיל שיפלעך
אין אַ יאַם אַ ברייטן, טיפן.

זיצן מענטשן אין די שיפלעך,
און מען קוקט אַרויס אינדרויסן;
דורך די פענסטערלעך די קליינע
אויף דעם רעגן אויף דעם גרויסן.

אָווא! אָוואַ!, ס׳אַראַ רעגן
זעט עס האָט זיך היינט צערעגנט,
גלייך עס וואָלט זיך ערגעץ ווו דאָרט
יאַם מיט הימל גאָר באַגעגנט.

מער פון אַלע מיינע פעטערס,
האָב איך פעטער ליטמאַן ליב;
טייקעף ווערט מען אַזוי פריילעך,
ווען ער קומט אַריין אין שטוב.

אָ, איר קענט נישט פעטער ליטמאַן?
ס'קענען אים דאָך קינד־און־קייט!
גיט אַ זאָג נאָר: — פעטער ליטמאַן —
ווערט אויף קינדערלעך אַ פרייד.

ווייל זיי ווייסן אַז פּעטער ליטמאַן,
קען אַזוי מין שיין פאַרווײַלן,
ווען ער הויבט אָן פאַר די קינדער,
זיינע מייסעלעך דערציילן.

אַט דערציילט ער אונדז אַ מייסע —
„ווי דער קייסער לאַכט און כינע".
צי פּעטער סימכעס שפּאַסערייען,
ווי ער שפּרייזט מיט פיסלעך דינע.

און נאָך, און נאָך פיל מייסעס שיינע,
און פון אַלע זיבן זאַכן;
אַז פּעטער ליטמאַן קומט אַריין נאָר,
מוזן קינדערלעך שוין לאַכן.

אַלע וואָך קומט פּעטער ליטמאַן,
יעדן דאָנערשטיק צו מיר.
ווי ער קומט נאָר טייקעף גיט מען,
אַ צעפּראַל פאַר אים די טיר.

און מען נעמט אים אויף מיט קיבעד,
ווי פאַר פּעטער ליטמאַן פּאַסט;
ווייל פּעטער ליטמאַן איז באַ קינדער
זייער אַ אָנגעלעגטער גאַסט.



א געזאַנג צום קאָלאָניסט

יידישע קאָלאָניסטן,
אַ געזונט אין זייערע ביינער,
ווי זיי דאָס ברויט פאַרדינען,
ערלעכער פאַרדינט נישט קיינער.

זייערע האָרעפּאַשנע הענט
און בלאָטע אויסגעשמירט,
זענען ריינער פון די ווייסינקע,
מיט דימענטן באצירט.

זיי זענען אָנגעקומען דאָ
פון לענדער ווייט צופאָרן,
איז דאָס לאַנד אַרגענטינע
זייער נייע היים געוואָרן.

און געטראָפן שטרעקעס ערד,
ווילד און פוסט, פאַרלאָזן.
נישט קיין וועג און נישט קיין שליאך
נאָר הויכע ווילדע גראָזן.

זענען זיי צו נייער ערד
געוואָרן צוגעבונדן.
איר אין רייכטימער צעבליט,
אַ לעבן העל צעצונדן.

איצטער ליגן שטאָלץ צעבליט
אַרגענטינער וויסטן —
אויסגעוואַקסן איז אַ דאָר
פון יונגע קאָלאָניסטן.

און עס איז אַ פויער־דאָר,
אַ יידישס אויפקומען.
יידישע קאָלאָניסטן,
געליבט איז אייער נאָמען.



איך וועל אייך דערציילן, קינדערלעך,
אַ מייסעלע שיין און וואונדערלעך;
דאָס מייסעלע גענוי,
הויבט זיך אָנעט אַזוי:

אַ מאַיסע וועגן גאָרנישט

ערגעץ ווו דאָרט אין די ווייטן,
ערגעץ ווו דאָרט אין אַ לאַנד;
כ׳קען נישט מעסטן מיט די צייטן,
נישט דערגרייכן מיט דער האַנט. —
האָט אַ מייסע זיך פאַרלאָפן,
איז אַ מייסע אַזאַ געשען,
אויף אַן עמעס ס׳האָט געטראָפן
כ׳בין דערביי אַליין געווען
און כ׳האָב טאַקע אַליין געזען;
און ווען ס׳וואָלט געווען אַ ליגן,
וואָלט איך בעסער שוין געשוויגן,
און גאָרנישט נישט גערעדט פאַר אייך,
זאָגט אַליין, ס׳איז קרום צי גלייך;

נאָר אַזוי ווי אַלץ איז וואָר,
נישט געמינערט אויף אַ האָר,
וועל איך אייך קיין זאַך פאַרהוילן
און טאַקע אַלצדינג אייך דערציילן,
פון דער מייסע וואָס ס׳האָט געטראָפן,
ווייל איך בין אַליין געלאָפן
זען וואָס דאָרטן איז געשען,
ווייל איך האָב געוואָלט אַליין
מיט מיינע אויגן טאַקע זען
צי ס׳איז עמעס, יאָ, צי ניין.
טראַכט איך: נו, מען דאַרף נישט שטיין,
און איך הויב מיר אָן צו גיין,
און איך האָב אַהין מאַרשירט,
ווו די מייסע האָט פּאַסירט.

גיי איך, און איך גיי און גיי,
און איך צייל מיר איינס און צוויי,
צייל איך ווייטער, דריי און פיר,
קומט אַ מענטש אַנטקעגן מיר,

פרעג איך: מענטש, איך בין פאַרפירט.
ס'האָט אַ מייסע דאָ פּאַסירט?
ווייזט ער אָן מיר — אָט אָ דאָרט!
און איך שפּאַן צו יענעם אָרט.

און אַז כ'בין אַהין געקומען
דורך גאַס און געסל און אַרומען,
בין איך דאָרט געבליבן שטיין,
דערזע איך גאָר, איך בין אַליין,
ס'איז גאָר קיינער דאָ נישטאָ,
זאָג איך דאַן צו מיר: העי, דו!
וואָס טוסטו איצט גאָר אָט אָ דאָ,
און אַזאַ מין שפּעטער שאָ?
גיב איך זיך אַ קוק אַרום,
ס'איז גאָר דאָ אַלץ שטיל און שטום,

ווערט מיר עפּעס שוין נישט שיין,
כ'רייד דאָך גאָר צו זיך אַליין!
און איך רייב זיך אויס די אויגן,
ווייסעך, נישט גענויגן, נישט געשטויגן.
און פלינקער ווי אַ פייל פון בויגן
כ'בין פאַרשעמט אַהיים געפלויגן...

און ווי איך האַלט אַזוי העט, העט,
געפינט מען עמיצן אין בעט
און דער עמיצער בין איך,
אויסגעטאָן די הויזן, שיך
און איך ליג גלייך גאָרנישט נישט.
און — אַז כ'האָב די אויגן אויסגעווישט
זע איך: עמיץ שטייט באַם פענצטער,
ווער? אַ באַגינען אַך, דער שענסטער!
און ער גריסט מיר, גיט מיר שאָלעם,
און ער פרעגט מיך: האָ? אַ שיינער כאָלעם?
ענטפער איך אים: כאָלעם, שאָלעם — שאָלעם, כאָלעם!..

— — — — — — — — — — — — —

און ווי זאָגט די באָבע רייסע,
יאָ אַ מייסע און נישט אַ מייסע,
צי מען מעג עס, צי מען טאָרנישט
ס'איז אַ מייסע וועגן גאָרנישט!

גענדזעלעך אויפן טייך

גענדזעלעך געלינקע, גענדזעלעך פיר.
האָבן זיך ארויסגעלאָזט אויף א שפּאציר.

דער טאָג איז א שיינער. דער הימל איז בלוי.
שפּאצירן זיך גענדזעלעך גלאַט אזוי.

שפּאצירן זיי און שמועסן וועגן דעם, און וועגן יענץ,
פון וואָסזשע רעדן דען גענדזעלעך — גענדז?

רופט זיך אָפּ איינס: — גאָד - גאָד - גאָד.
ווייסט איר וואָס? מירן כאַפּן א באָד! —

אז א טייכל איז דאָ, און דאָס וואסער טוט זשומען,
פאַרוואָסזשע זאָלן גענדזעלעך טאַקע נישט שווימען?

און דאָס טייכעלע רופט: — שליוך - שליוך - שליוך!
נו, גיבן גענדזעלעך פיר אין וואסער אַ פליוך —

און איינס, און צוויי,
און אָט שווימען זיי.

שווימען זיך גענדזעלעך פיר אויפן טייך.
אָט אין דער קרום און אָט אין דער גלייך,
ווילן זיי, מאַכן זיי אַ רונדיקן רונד,
און גיבן א טונק זייערע קעפּלעך צום גרונד,
גיבן זיי אַ קוק דאָרט — אָווא, ס'איז טיף,
און גיבן די קעפּלעך א הייב און א שטיף.

זענען די גענדזעלעך פריילעך
און שווימען זיך ווייטער פּאַמעלעך.

וואָס האָבן דען גענדזועלעך פיר זיך צו איילן?
נו, טוען זיך גענדזועלעך אביסל פאַרווײלן.
צעלאַכט זיך איין גענדזועלע: — גאַ - גאַ - גאַ!
סיקעט דאָס צווייטע: — סאַ - סאַ - סאַ!
דאָס דריטע, סע קראַצט זיך מיטן שנאָבל דאָס בײַכל
שווימען זיך גענדזועלעך פיר אויף אַ טײַכל.

און אַז סע שווימען אויף אַ טײַכל גענדזועלעך פיר,
אַוודע טוט זיך דאָס וואַסער אַ ריר,
און גיט זיי אַ פּליוסקע, אַ שפּריץ,
צעלאַכן זיך גענדזועלעך פון טײַכעלעס וויץ:

כאַ - כאַ - כאַ - כי!
און גיבן זיך ווײַטער אַ צי.

שווימען זיי, שווימען. איז וואָס, אַז זיי שווימען?
נאָר אָט מיטאַמאָל איז זיי אַנטקעגנגעקומען,
קאַטשקעלעך פיר, מיסטאָם פון דער געגנט,
האָבן זיך גענדזועלעך און קאַטשקעלעך אויפן טײַכל באַגעגנט.

צום ערשטן האָבן זיי עפּעס געשוויגן.
וואָס זאָלן זיי טאָן? זײַן כּאַוועך? צי גאָר זיך צעקריגן?
פאַרוואָס עפּעס זיך קריגן, האַ? טאַקע, פאַרוואָס?
זיי זענען קאַטשקעלעך? זענען מיר גענדזועלעך, אָט וואָס!

האָבן זיך גענדזועלעך און קאַטשקעלעך ארומגענומען,
און ווי כּאַוויירימלעך גוטע אינײַנעם געשווומען,

האָט דאָס טײַכל אַ פרײדיקס געטאָן זיך אַ רודער,
ווײַל גענדזועלעך און קאַטשקעלעך זענען געוואָרן גוטע ברידער.

פרעגן די קאַטשקעלעך: — גאַ - גאַ- גאַ,
פון וואַנען זענט איר גענדזועלעך, האַ?

האָבן די גענדזועלעך געענטפערט: — סאַ - סאַ - סאַ!
מיר זענען פון דאָרטאָטאַ!

קוקן די קאַטשקעלעך אהין,
ווו סע גרינט זיך אַ גאָרטן אין גרין
סאַרא שיינעם גאָרטן,
איר האָט גענדזועלעך דאָרטן,

האָבן די גענדזועלעך געזאָגט: — סאָ - סאָ - סאָ!
אויב סע געפעלט אייך טאַקע אזוי אָ,
קענט איר קאַטשקעלעך צו גאסט צו אונדז קומען.
ווילט איר, וועט איר גיין. עלע נישט וועט איר שווימען.

האָבן די קאַטשקעלעך טאַקע נישט געשוויגן,
און געזאָגט: — אוואדע, גענדזועלעך, מיט פארגעניגן!

האָבן זיך גענדזועלעך און קאַטשקעלעך געזעגנט,
און יעדערער צוריקגעקערט צו זיך אין געגנט.

גענדזועלעך געלינקע, גענעדזועלעך פיר.
האָבן זיך ארויסגעלאָזט אויף א שפאציר.

שפאצירן זיך גענדזועלעך גלאַט אזוי,
און דער טאָג איז א שיינער, דער הימל איז בלוי.

קאַטשקעלעך גייען צו גאַסט

עך, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן,
אין יענעם אינדערפרי,
איידער ס'האָט די זון זיך באַוויזן,
און געגעבן א ברי.

די מאַמע, קאַטשקע, איז שוין נישט געשלאָפן
א גאַנצע נאַכט.
נאָר וואָס טוט מען מאָרגן די קינדערלעך אָן,
האָט זי געטראַכט.

זיי דאַרפן דאָך גיין אין גערסט שפּאַצירן,
צו די גענדזעלעך דאָרט,
וויל זי די קינדערלעך פירן,
ווי עס פּאַסט פאַר אזא אָנגעזעענעם אָרט.

און ווי נאָר די זון האָט זיך באַוויזן,
האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו ראַשן.

די מאַמע האָט אויפגעוועקט די קינדערלעך,
און גענומען זיי וואַשן.

און גענומען זיי ריייניקן, און צו פוצן
און די קעפּעלעך צו פאַרקעמען,
און אָנגעזאָגט די קאַטשקעלעך,
אַז זיי זאָלן זיך דאָרטן נישט שעמען.

און זיי זאָלן זאָגן: — אַ גוטמאָרגן;
ווען זיי וועלן צו די גענדזעלעך קומען,

און נישט ריידן קיין נאַרישע רייד,
און נישט רייסן פון גאָרטן די בלומען,

און זיי זאָלן זיך נישט צעקריגן,
און זיך נישט צעשלאָגן
נאָר זיי זאָלן אויספאָלגן אַלץ,
וואָס די מאַמע טוט די קינדערלעך זאָגן.

און אַז די מאַמע איז פאַרטיק געוואָרן,
האָט זי געעפנט די טויערן און טירן,
און די קינדערלעך אַ זאָג געטאָן:
— היידאַ, קאַטשקעלעך, צו די גענדזעלעך שפּאַצירן.

און די קאַטשקעלעך, זענען שטאָלצע געגאַנגען,
זיך געבלאָזן און געגעדערט;
און געשפּרייזט מיט די באָרוויסע פיסלעך,
און זיך געפּרייט און געפּעדערט.

און קאַטשקעלעך, קליינינקע, קאַטשקעלעך פיר
גייען צו גאַסט אויף אַ שפּאַציר.

און אַז די קאַטשקעלעך זענען צו די גענדזעלעך געקומען,
האָבן זיי די גענדזעלעך זייער פיין אויפגענומען.

זיך צעקושט, און זיי אריינגעפירט אין בלעכענעם שטאַל,
און געזאָגט: — אָט דאָס איז אונדזער גרויסער זאַל.

האָבן זיך די קאַטשקעלעך ארומגעקוקט,
און זייערע אייגעלעך שיינען,

און אין זיך האָבן זיי געטראַכט:
אָווא, ווי רייך די גענדזעלעך זענען!

דערנאָך האָבן זיי די קאַטשקעלך אַרויסגעפירט אויפן הויף
און אַריינגעפירט אין גרינעם גאָרטן,
און דאָרטן איז געווען צו עסן און צו געבן אַ זויף
פון אַלערליי סאָרטן.

האָבן די גענדזעלעך מיט זיסע רייד זיי אָנגעהויבן גלעטן
און די קאַטשקעלעך צום טיש פאַרבעטן:

— עסט, קאַטשקעלעך, עסט, עסט,
איר זענט דאָך אונדזערע געסט!

האָבן די קאַטשקעלעך אָנגעהויבן צו ציפּן און רייסן,
בוריקלעך רויטע, און סאַלאַט צו פאַרבייסן.

און רעטעכלעך, אוגערקעס, און בעבלעך און באָבן,
— אַך, ס'אַרע גוטע מאַכאָלים די גענדזעלעך האָבן!

און אַזוי ווי די קאַטשקעלעך עסן אַזוי געשמאַק,
פּלוצעם, דערהערט זיך פון אַ בייטש אַ געקנאַק.

האָבן די גענדזעלעך אַ געשריי געטאָן: אָ, דער באַלעבאָס,
לויפט אַהער מיט פאַרדראָס!

און ס'איז געוואָרן אויפן הויף
אַ געלויף.

און ס'האָט זיך באַוויזן אַ מענטש און אַ הונט,
און צוויקט מיט דער בייטש אַזוי ווי אַ ווינט.

האָבן די קאַטשקעלעך אַלצדינג איבערגעלאָזן.
און זיך אַוועקגעלאָזט מיטן וועג צו די גראָזן.

לויפן די קאַטשקעלעך גיכער פון גיכער.
און סע יאָגט זיי דאָס הינטל אַזוי ווי אַ וויכער.

שרעקן זיך קאַטשקעלעך און וויינען און קלאָגן,
— הינטעלע, הינטעלע, טו אונדז נישט יאָגן!

האָוקעט דאָס הינטל: — וואָס מיינט איר אַ ביסל,
איך מוז אייך צערייסן, כאַטש אַ שטיקעלע פיסל!

טראַכטן זיך קאַטשקעלעך: טאַקע, אַ פייניניקער מייכל —
נאָר מיטאַמאָל דערזעען זיי אַ פליסנדיק טייכל.

שטעלן זיי אַרויס דעם הינטל אַ צונג,
און גיבן אין טייכל אַ שפרונג.

מיט דאָס וואַסער פון טייכל אַ פּליוסק און אַ בלאָז
און דאָס הינטל בלייבט שטיין מיט אַ לאַנגער נאָז...

און די קאַטשקעלעך לאַכן: כאַ - כאַ - כי,
און גיבן אויף גיך צו זייער היים זיך אַ ציי.

אַ האָן האָט אַ קריי געטאָן

אַ האָן האָט אַ קריי געטאָן.
איז וואָס־זשע געוואָרן דערפון?
ס'איז גאָרנישט געוואָרן דערפון,
פונעם קרייען פון האָן

נאָר אז דער האָן האָט אַ קריי געטאָן
האָט זיך טייקעף באַוויזן די זון,
און אַ קוק אויף דעם וועלטל געטאָן.
און אַז דאָס וועלטל דערזען האָט די זון,
האָט עס פאַרשעמט זיך דערפון,
ווייל ס'איז נאָך געגאַנגען אין נאַקעטן סטאָן.

און געקוקט האָט די זון דורך אַ שפעלטל
און ס'איז איר געפעלן דאָס וועלטל.

און אַז ס'איז איר דאָס וועלטל געפעלן,
האָט זי אָנגעהויבן נאַכעסדיק קוועלן
און טאַקע באַפוילן דעם האָן,
נאָכאַמאָל אַ קריי צו טאָן.

און אַז דער האָן האָט דערהערט דעם באַפעל,
האָט ער געטאָן זיך אַ שטעל,
אַזוי ווי אַ בראַוווער סאָלדאַט.
אָהאָ, ס'איז דער האָן דאָך אַ האָנישער יאַט,
ער האָט דאָך דאָס בלוט פון זיין שטאַם,
ווערט באַ אים ווייטער דער קאַם,
און סע אַרט אים נישט גאָרנישט, דעם האָן,
האָט ער ווידער אַ קריי געטאָן.

און ווי נאָר דער האָן האָט געגעבן דעם קריי,
די ערשטע דערהערט האָבן הינדעלעך צוויי,
וואָס זענען געזעסן אונטער זייער מאַמען — אויף הויי.
האָבן זיי טייקעף געטאָן זיך אַ ריר.
און זענען פון אונטער זייער מאַמען אַפיר.
און האָבן זייער מאַמען פון שלאָף אויפגעוועקט.
זענען שוין אַלע הינדעלעך געבליבן אָפּגעדעקט.
און דערנאָך זענען אַלע אַרויס אויפן הויף,
נו, נו, איז געוואָרן צווישן זיי אַ געלויף.
האָט מען אָנגעהויבן צו פּישטשען און שאַרן,
ביז זיי האָבן אויפגעוועקט דעם הונט דעם דאַרן.

האָט דער דאַרער הונט זיך צעהאַווקעט מיט פּאַרדראָס.
האָט ער אויפגעוועקט פון שלאָף דעם באַלעבאָס.
איז דער באַלעבאָס אַראָפּ פון בעט געשווינד,
און נאָך אים דאָס גאַנצע הויז־געזינד.

און אַז דער באַלעבאָס האָט זיך אויף זיין טיר געשטעלט,
האָט ער געזען ווי עס רופט אים זיין פעלד, —
האָט ער איינגעשפּאַנט אין אַקער די פערד,
און זיך אַוועקגעלאָזט אין פעלד פּאַראַקערן זיין ערד.

און די באַלעבאָסטע האָט פון אַ פּאַן אַ דינער,
צעשאָטן איבערן הויף דאָס עסן פאר די הינער;
און זייער טעכטערל — אין מאָרגן־בלוי פאַרפרי,
האָט אין קאָראַל שוין געמאָלקן די קי.

און אַזוי איז דער טאָג אָנגעקומען.
און יעדער האָט זיך צו זיין ארבעט גענומען.

און די ארבעט און מי האָט פון אַלעמענס הענט אַרויסגעזונגען,
און דאָס ליד פון האָרעפּאַשניקעס האָט פון אומעטום געקלונגען!

איז אַ שטאָלצער אַרומגעגאַנגען דער האָן,
דערפאַר וואָס ער האָט אַ קריי געטאָן.
און סע האָט זיך באַוויזן די זון,
און אַ קוק אויף דעם וועלטל געטאָן.

און געקוקט האָט די זון דורך אַ שפּעלטל
און ס'איז איר געפעלן דאָס וועלטל.

ביקל, באָקל

ביקל, באָקל, באָקל, ביקל.
שטייט אַ קעלבל צו אַ דריקל
צוגעבונדען מיט אַ שטריקל.

ס'איז פֿאַרטאָג נאָך, אַזוי פֿרי.
כאַים נאָטע מעלקט די קו,
און ער זינגט זי צו:
טרילי לי, טרילי לי.

האָט דאָס פֿעלד דערהערט זיין זינגען
איז פֿון שלאָף דאָס אויפֿגעשפּרינגען,
און מיט טוי אַ וואַש די בלאָטע,
און געזאָגט:
— אַ גוט מאָרגן כאַים נאָטע!

און דאָס ביקל, באָקל, ביקל,
צוגעבונדן צו דעם דריקל
מיטן שטריקל,
דרייט און קלאַפּט זיך מיטן עק.
ווייל פֿון פֿרישער מילך אַ לעק,
און סע מעקעט מאַ-אַ-אַ און מו-ו-ו,
רופֿט דער מאַמען רויטער קו.

און די מאַמע רויטע קו
ענטפֿערט: — מאַ-אַ-הו-מו-ו!
זעסטאָך, כ'שטיי געבונדן דאָ,
וואַרט נאָך צו אַ האַלבע שעה.

און דאָס ביקל, באָקל, ביקל,
נעמט און קראַצט די נאָז אין שטריקל.

און כאַים נאָטע ווייסט פֿון גאָרנישט
און סע אַרט אים אויף אַ האָר נישט,
זינגט זיך ווייטער צו זיין לידל
טידל-רידל, רידל, טידל,
מעלקט די קו, און ווייסער שוים
פֿילט די בלעך אָן ביזן זוים.

און די מילך פליסט און גיסט,
ווייל כאַים נאַטע דער קאָלאָניסט,
דאַרף די מילך פאַר ווייב און קינד
און פאַר גאַנצן הויז־געזינד.

ווייל פון דער מילך, זיין סאָרע ביילע,
קלאַפּט אויס פּוטער, פרישע, געלע,
און מאכט סמעטענע, און קעז —
זאָל איר נאָר נישט זיין קיין בייז —
באַקט זי בייגעלעך און בלינצעס,
אַפילע באָבע כאַוועס רינצע
עסט און פּילט דעם טאַם גאַניידן,
גיט פאַרזוכן דעם אַלטן זיידן,
און דער זיידע — איי, איי, איי,
כאַפּט אויף יאסלעס אויך אַ קיי,
און פון איינגס, ליב און פריש,
עסט דאָס הויז־געזינד באַם טיש.

און דאָס ביקל, באָקל, ביקל,
צוגעבונדן צו דעם שטריקל
מעקעט ווידער מאַ־א און מו־ו־ו,
רופט דער מאַמען רויטע קו:
— מאַמע, איך בין הונגעריק, כ׳וויל עסן,
האָסט אין מיר פאַרגעסן?!

און די מאַמע רויטע קו,
ענטפערט: מאַ־הו־מו,
זעסטאַך, כ׳האָב געבונדן הינטערשט פיסל,
וואַרט נאָך צו אַ ביסל,
וועט כאַים נאַטע אונדז אָפּלאָזן,
וועלן מיר אַוועק אויף פרישע גראָזן
איך וועל עסן, דו וועסט זייגן,
און דערנאָך זיך שלאָפן לייגן.

און דאָס ביקל, באָקל, ביקל,
צוגעבונדן מיט אַ שטריקל,
ציפּט דערווייל אַ גרעזל
און באַלעקט מיט צינגל זיך דאָס נעזל,
און מיט אַנ׳איינגל ס׳קוקט זיך צו
ווי כאַים נאַטע מעלקט די קו
און ער זינגט צו אַ לידל:
טידל, רידל, רידל, טידל.

דאָס פאַרבלאָנדזשעטע לאָשעקל

שטייט אַ לאָשעקל אינמיטן דעם פעלד,
אַליין אויף דער וועלט,
אַ דערשראָקנס, און ציטערט פון קעלט.

גיט דאָס אַ הירזשע — ס'הייסט, אַזאַ פרעג:
ווו איז דער וועג,
וואָס פירט צו מיין היים?

איז קיינער נישטאָ דאָ — אַרום,
הימל און פעלד זענען שטום.

איז באַ וועמענזשע פרעגן,
אַז סע שלענגלען זיך אַזויפיל וועגן?

שטייט דאָס לאָשעקל און ציטערט פון שרעק,
און שאָקלט פאַרטראָגן מיטן עק.
און טראַכט: —
ווי איז מיר, ס'איז שוין באַלד נאַכט
און דאָ שטיי איך נאָך אינמיטן דעם פעלד,
אַליין אויף דער וועלט.

ווערט דאָס הערצל באַם לאָשעקל פאַרשטיינט
און סע האָט זיך צעוויינט
מיט ביטערע טרערן,
זאָל עמיצער כאָטשע דערהערן!

אָבער ס'האָט קיינער נישט געהערט, נישט געזען,
ווי אַ לאָשעקל שטייט זיך אַליין,
אַ פאַרבלאָנדזשעטס אינמיטן דעם פעלד,
אַליין אויף דער וועלט,
און ציטערט פאַר שרעק און פאַר קעלט.

און דאָס לאָשיקל שטייט פאַרטראָגן און טראַכט,
און דאָ לאָזט זיך שוין אַראָפ די נאַכט.
און גאָר פלוצעם, מיטאַמאָל,
צי פון באַרג, צי פון טאָל,

פליט אַן דער טערו, דער פויגל,
און גיט צום לאַשעקל אַ פינטל מיט אַן אייגל,
און אַ פרעג: — טערו־טערו־טאַ?
האָסט פאַרבלאָנדזשעט לאַשעקל, האַ?

און דאָס לאַשעקל ברעכט אַ פיסקל און ענטפערט אויף דעם:
— יאָ, כ'טרעף נישט צוריק דעם וועג צו מײן הײם.
גיט דער פויגל אַ זאָג: — שאַ!
טערו־טערו־ראַ!
לאַשיקל שיינס, נאָר נישט וויין,
וועל איך דיך פירן ביז צו דײן הײם.

האָבן זיך באַם לאַשיקל די אייגעלעך צעגלאַנצט
און, פאַר שׂימחה, די פיסלעך צעטאַנצט.
האָט דאָס לאַשעקל דעריזן אַ רעגנבויגן,
ווייל דער טערו, דער פויגל, איז אין דער הויך געפלויגן.
און דאָס לאַשעקל איז אונטן אַ פריילעכס געלאָפן,
ביזקל, ביזקל ס'האָט צוריק צו דער הײם געטראָפן.

און אַז מאַמע־שקאַפע, האָט איר לאַשעקל דעריזן,
נו, נו, וואָס דאָרט איז געווען

די לאַשיקלעך פון גאַנצן פעלד
האָבן זיך אַרומגעשטעלט.
און גענומען זיך פרעגן: עי, כּאַוועריל, ווו ביזטו געווען?
האָט זיי דאָס לאַשיקל דערציילט וואָס ס'איז געשען
דאָס לאַשיקל האָט דערציילט, און די לאַשעקלעך האָבן
געלאַכט,
ביזקל ס'האָט זיך איבערן פעלד אַראָפּגעלאָזט די נאַכט.

האָבן די שקאַפעס זייערע קינדערלעך גערופן:
— העי, לאַשיקלעך, גענוג, מען דאַרף שוין שלאָפן!
און די נאַכט האָט זיך צעלייגט אַזוי שטילינקערהייט,
און איבערן פעלד איר רו פאַרשפרייט.



צווי שוועסטערלעך

איך וועל דערציילן איצט אַ מייסעלע
פון שוועסטערלעך צווי קליינינקע;
ביידע זענען זיי אַזוינע כיינעוודיק און שיינינקע —
איינער רופט מען ראָכעלע
דער צווייטער רופט מען עסטערל,
און ביידע זענען זיי איינס דעם אַנדערן אַ שוועסטערל;
עסטערל איז דריי יאָר אַלט,
און ראָכעלע איז צוויי,
און אַז מען זעט זיי דאַכט זיך אוים
ס'איז ליאַלקעלעך גאָר צוויי; —
און וואָלט איר אָט די מיידעלעך די צוויי אַליין געזען,
איינס נעבן דער אַנדערער צוזאַמען אַזוי שטיין,
ווי זיי זענען ווי טייוואָלימלעך פארשמאָדערט און פארשטויבט
וואָלט איר קיינמאָל נישט געגלויבט,
אַז ראָכעלע און עסטערל
זענען איינס דעם אַנדערן אַ שוועסטערל;
ניין —
פאַרוואָס?
— אָט דערפאַר!

ווייל ראָכעלע איז אַ מיידעלע אַזאַ דארינקס און אַ בלאָנדינקע,
האָט אַ קעפעלע מיט הערעלעך נאָך גאָלדיקער פון גאָלדינקע,
און אַ פּאָר הימל־בלויע קוועקזילבערדיק שפּרינגענדיקע אייגעלעך —
וואָס פליען אום אין איר פּעניטל, ווי קליינטשיקע צווי פייגעלעך.

דערפאַר איז אָבער עסטערל,
ראָכעלעס שוועסטערל,
די גרעסערע —
אַ קלוגערע און אַ בעסערע,
און טאַקע אַ שענערע,
פון איר שוועסטערל ראָכעלען די קלענרע;
עסטערל איז אַ מיידעלע אַזאַ הארציקע,

האָט אַ פּאָר אייגעלעך נאָך שוואַרצער פון שוואַרצינקע.
און אויף איר קעפּעלע —
וואָס איז אַ ביסל גרעסער פון אַן עפּעלע,
פאַלן אירע זיידענע הערעלעך, ברונעטינקע,
געדרייטע אין לענגעכיקע לעקעלעך
וואָס גיבן צו אַזאַ שיין ביינדעלע,
אירע קיילעכיקע בעקעלעך,
אַזוינע ראָזעווע און פּעטינקע; —
און עפנט זי איר קליינטשיק מיילעכל
ווערט דאָס ווי אַ קיילעכיק קיילעכל
פון וואַנען ס׳בלאַנקט אַרויס, פּערל־ווייס איעדער ציינדעלע.

און אַז ראָכעלע און עסטערל,
וואָס איז איינס דעם אַנדערן אַ שוועסטערל,
שטייען אויף פון שלאָף נאָך גאָר באַגינען,
איז קענט איר טייקעף זיי שוין אויפן הויף געפינען.
שפּילן זיך אין אַזוינע מיני שפּילעכלעך; —
און זייערע פיסקעלעך דרייען זיך ווי מילעכלעך.
און ריידן, ריידן זיי אַסאַך גאָר אַסאַך.
נאָר שווער איז אָבער צו פאַרשטיין זייער שפּראַך.
עס קען זיין: טערקיש, טאָטעריש, צי גאָר אַזאַ מין יידיש
נאָר אויב איר ווילט עס זאָל אייך נישט זיין קיין כידעש,
קענט איר טאַקע אַ פרעג טאָן: — וואָס דו זאָגסט, עסטערל? —
דעמאָלט גיט זי אַ קוק אויף ראָכעלען איר שוועסטערל,
און סע גלאַנצן אויף אייך פיר קליינע, שיינע אייגעלעך,
ווי פּיטשינקע, צאַפּלדיקע, לעבעדיקע פייגעלעך,
צוויי בלויענקע — צוויי שוואַרצינקע,
אַזוינע שמייכלענדיקע און האַרציקע,
און סע צעקליגנען זיך צוויי דינינקע געלעכטערלעך,
פון צוויי יידישע טעכטערלעך,
וואָס איינע הייסט ראָכעלע, די צווייטע עסטערל
און איינס דעם אַנדערן איז אַ ליבינקע שוועסטערל.

צאַליקל פּעפּער

איז די זון אין מיזרעך לאַנג שוין אויפגעגאַנגען.
נו, איז וואָסזשע אַז די זון איז אויפגעגאַנגען?
זענען אַלע מענטשן פון די שטיבער שוין אין גאַס אַרויסגעגאַנגען,
און די פישערס, אין די זילבערדיקע וואסערן, האָבן פישעלעך פיל גאָלדענע געפאַנגען.
און די ביימער אין די גערטנער, שטייען שטילע, און זיי שווייגן,
און מיט זייערע אויערן־צווייגן
הערן זיי זיך איין ווי ס'טראָגן זיך אין לופט ארום פון פייגל די געזאַנגען
און אין די פוסטע וועלדער, ווילדע כאַיעס, לויפן הונגעריק און ברומען,
און די פליגן פליען, און די בינען אַרום בינשטאָק זשומען,
און די זומער־פייגעלעך ציען שוין דעם זיסן זאַפט פון די בלומען.
און אַלץ האָט שוין אויפגעוואכט, די וועלט איז פול מיט קלאַנגען —
נאָר איין צאַליקל פּעפּער, ליגט נאָך פון דעם שלאָף געפאַנגען.

(צאַליקל דער פּעפּער, אַזוי האָט מען אים גערופן
ווייל ער האָט ליב געהאַט זייער אַסאַך צו שלאָפן)
איז געווען אַ ייִנגעלע אַ קליינער
און אַ שיינער
און אַ ווילער —
נאָר אַ פוילער.

ליגט ער זיך אַזוי אונטער דער קאָלדרע און כראָפּעט
און ער סאָפּעט,
און זיין קליינער קערפּערל איינגעקאָרטשעט ווי אַ קנויל אין דרייען.
מעג די שטוב זיך איבערקערן, מעג מען שרייען,
אַרט נישט צאַליקלען, דעם פּעפּער.
אָט דעם שלעפּער,
וואָס פאַרשלאָפט זיך אַלע טאָג, אפילע,
ווייל ער וויל נישט גיין אין שולע.

נאָר זיין טאַטע איז א ייד אַ רויטער און אַ בייזער,
הייסט ער כאַים לייזער.
און אַ רימען האָט ער, אוי, אַ רימען

(פרעגט נאָר צאַליקלען דעם פעפער, ער האָט פון אים אַ סימען).
ווייל אַלע טאָג ווערט צאַליקל פון זיין טאַטן אָנגעשמיסן,
אַז ער זאָל וויסן,
אַז אַ ייִנגעלע דאַרף אויפשטיין אַלע טאָג באַגינען,
און די זאַכן זיינע אויף זייער פלאַץ געפינען.
און זיך אָנטאָן, און זיך וואַשן, און עסן.
און אין שולע גיין טאָר מען נישט פאַרגעסן.
און זיך איינהערן אין אלע ווערטער וואָס ס'זאָגט אַרויס דער לערער,
קעדיי ער זאָל וויסן און זאָל קענען אַלץ וואָס מערער. —

אַזוי האָט צאַליקלען אָנגעזאָגט זיין טאַטע כאַים לייזער,
אָט דער ייִד, דער רויטער און דער בייזער.
אַלע טאָג, ווען ער האָט אים פון בעט אַראָפגעריסן
און אים אָפגעשמיסן.

נאָר אויף מאָרגן האָט צאַליקל פאַרגעסן, און ווידער זיך פאַרשלאָפן,
ווייל ער האָט דאָך ליב געהאַט זייער אַסאַך צו פּאָפן
און געלעגן אונטער דער קאָלדרע און געשמאַק געכראָפעט,
אַ פאַרשוויצטער און געסאַפעט.
און אין מיזרעך איז די זון פון לאַנג שוין אויפגעגאַנגען,
נאָר איין צאַליקל דער פעפער ליגט נאָך פון שלאָף געפאַנגען.

איציק, שפּיציק, נאָדלטעשל

הערט אַ מייסע אינמיטן דרינען,
וואָס אַ קינד קען זיך פֿאַרגינען.

איציק שפּיציק האָט דערזען
אויפֿן טיש אַ פֿלעשל שטיין.
גייט ער צו — וואָס זאָל דאָס זיין?
און גיט אַ שמעק — אָ, ס'איז וויין!

קוקט ער זיך אין שטוב אַרום
אַר־מע־טום,
זעט ער, ס'איז אין שטוב נישטאָ איצט קיינער,
נאָר ער אַליין דאָ איינער,

טאַטע מאַמע זענען אַוועק.
נו, וועט ער געבן אַ קליינינקן לעק.

טרינקט ער. פֿילט ער עפּעס זיסלעך,
און פֿאַרזוכט אַלץ מער צו ביסלעך.

און פֿאַרזוכט. עס געפֿעלט אים.
ביז — עפּעס פֿילט ער סע צענעמט אים.

ס'הייבט אים אָן אין האַלדז צו קוועלן —
און — הערט אַ מייסע, כ'וועל דערציילן.

איציק, שפּיציק, נאָדלטעשל
האָט אויסגעטרונקען וויין אַ פֿלעשל.
מיד נישט, דיר נישט, איינס און צוויי,
אויסגעזשליאָקעט פּונקט ווי טיי.

און אַז איציק שפּיציק, נאָדלטעשל
האָט אויסגעזשליאָקעט דעם וויין פֿון פֿלעשל,
אויסגעליידיקט, אויסגעטרונקען,
האָט דאָס פֿלעשל אַנגעהויבן ווינקען.

ווינקט פון טיש אַראָפּ דאָס פּלעשל,
צו איציק, שפּיציק, נאָדלטעשל.

און איציק, שפּיציק, שטייט אין ווינקל.
פּלוצעם — וואָס איז עפּעס אַזוי טונקל?

וויל איציק, שפּיציק, געבן אַ זאָג:
— ס'איז דאָך נישט באַנאַכט — נאָר טאָג!

קען ער נישט, ווייל ס'האָט זיין צונג
געגעבן פון זיין מויל אַ שפּרונג,
ערגעץ אויף אַן אַנדער אָרט.

און איציק, שפּיציק, נאָדלטעשל,
וואָס האָט אויסגעטרונקען וויין אַ פּלעשל
קען נישט ריידן אַצט קיין וואָרט.

נאָר הויבט די ווערטער אָן צו זאַמלען
און פּאַוואָלינקע צו שטאַמלען:

— אי-ציק, שפּי-ציק, נאָ-דל-טע-של,
פּע-טער ־ וויין און מו-מע פּלעשל,
טאַנ-צן ביידע אויפן דנאָ

אָט אַזוי אָ־טאָ!

וויל איציק שפּיציק נאָדלטעשל,
ווייזן ווי ס'טאַנצט אַ ליידיק פּלעשל.
זענען אים די פּיסלעך שווער,
קען נישט געבן זיך קיין קער,
נישט אַהין און נישט אַהער,
נאָר שטייט ווי אַ בער.
ביז ער הויבט זיך אָן צו וואַקלען
און די גאַנצע שטוב צו שאָקלען,
שאָקלט זיך די שטוב אינגאַנצן,
זעט ער: אויף די ווענט די פליגן טאַנצן
און דער טיש הויבט אָן צו גיין.
גלאַט אַזוי, פון זיך אַליין.
און די בענקלעך גייען מיט
אויך מיט וואַקלדיקע טריט.

אַלץ איז שטוב נאָר סע גייט,
נאָר ער, איציק שפּיציק שטייט
און קען נישט רירן מיט קיין פּוס.
טראַכט ער: וואָס איז דאָס?
האָ?
נאָר שאַ!

פון וואַנען האָבן זיך גענומען,
פון וואַנען זענען זיי געקומען,
דער גאַנצער הויף מיט קינדער דאָ
אין אַזאַ שאָ?

זעט נאָר, זעט נאָר ווי זיי לאַכן
און פון איציק שפּיציק כויזעק מאַכן,
טייטן אַלע מיט די פינגער
און שטעלן אים אַרויס די צינגער.

און איציק, שפּיציק ליגט זיך איינער.
ס'איז אין שטוב נישטאָ דאָך קיינער.
נאָר אויפן טיש אַ ליידיק פלעשל,
לאַכט פון איציק שפּיציק נאָדלטעשל —

לאַכט און קייכט זיך אויפן דנאָ
אָט אַזוי אָטאָ:

ווייַן איז זויער — זים איז ליקער.
איציק, שפּיציק ביזט אַ שיקער!

שלומל, פלומל, בעטלליגער

שלוימל, פלוימל, בעטלליגער,
ווייסן אַלע איז אַ קריגער.
נאָר ער שלאָגט זיך און ער שעלט,
האלט מילכאָמע מיט דער וועלט.

און אַז קינדער פונעם הויף,
קומען זיך צום שפּיל צונויף,
שפּילן זיי זיך אַ מעכייע.
שפּילן, לאכן, זענען פרייע;
שפּילן זיך און שפּילן שיינע —
אָט, ווי עס שפּילן קינדער קליינע.

איז דאָך גוט און פיין,
אַז אַזוי זאָל זיין.

נאָר — אָט באַווייזט זיך בעטלליגער,
שלוימל, פלוימל, בייזער קריגער,
קומט ארויס מיט א געלויף
אויפן הויף.

קומט ער צו מיט אַ אירגאָזן,
און ער הויבט זיך אָן צו בלאָזן — — — —

בלייבן קינדער שטיל,
און שטעלן אָפּ דעם שפּיל.

ווילן קינדער זיך צעגיין,
הייסט זיי בעטלליגער שטיין!

פאָלגן זיי דעם בעטלליגער,
שלוימלען, פלוימלען, בייזער קריגער,
און זיי בלייבע שטיין.
וואָס ס׳וועט זיין?
נו, וועט מען זען!

און ער, שלוימל, פלוימל, ווי א העלד
האָט זיך שטאָלץ אוועקגעשטעלט,
און געגעבן א באפעל:

קינדער, גיט זיך הינטער מיר א שטעל!
אַלע קינדער אין דער ריי,
אָנגענומען איינס און צוויי.

און ס'האָבן טייקעף כעוורע יאַטן
אויסגעשטעלט זיך ווי סאָלדאַטן
גלייך, און שטייף, און אויסגעצויגן,
אויף בעטלליגער אַלע אויגן
אויסגעשטעלט.
ביז בעטלליגער זיי באַפעלט:
מאַרש!

און שלוימל, פלוימל, קאַפּיטאַן,
ציילט די טריט מיט גלייכן שפּאַן:

איינס.
צוויי.
דריי.
פיר.

אַלע קינדער ציילט מיט מיר,

איינס.
צוויי.
דריי.
פיר.

גיכער, קינדער, גיט אַ ריר.

פאָלגן קינדער דעם באפעל
און זיי גיבן הויך אַ צייל,
און קלאַפּן צו מיט טריט צום טאַקט,
ווי סאָלדאַטן אויפן טראַקט.

איינס.
צוויי.
דריי.
פיר.

זעט — סאָלדאַטן זענען מיר.

און שלוימל, פלוימל, פון דער זייט
שרייט:
מאַרש!
און ס'האָבן קינדער גלייך מאַרשירט,
פון בעטלליגער אָנגעפירט.

נאָר פלוצעם, מיטאַמאָל,
קאָ — — ראָ — —אול!
אַ מעהומע!
ס'האָט בעטלליגערן זיך פאַרגלוסט — מילכאָמע.

ס'האָט אין בעטלליגער
זיך אָנגעצונדן ס'בלוט פון קריגער.

מאַכט ער פון זיין האַנט אַ — האָרן
און גיט אַ בלאָז מיט צאָרן:
טאַ-טאַ-דאַראַ-טאַ-טאַ-טאַ-טאַ-טאַ!
טראַ!
האָט זיך דער סיגנאַל צעטראָגן,
ס'הייסט — קינדער מ'דאַרף זיך שלאָגן.

ווייל בעטלליגערס באַפעלן
טאָר זיך קיינער נישט אַנטקעגנשטעלן!

צי דו ווילסט, צי ניין,
מוזטו אין מילכאָמע גיין.

ווייל אַזוי וויל בעטלליגער,
דער בייזער קריגער.

און די קינדער האָבן מוירע,
ס'פאַלט אויף זיי אַ מאָרעשכוירע...

נאָר פלוצעם וואַקסט אַרויס אַ יינגל,
מיט אַ שאַרף, געשליפן צינגל,
גיט אַ הויב זיך און אַ טראָג,
און אַזוי אַ זאָג:

פאַרוואָס זיך עפּעס פלוצעם שלאָגן,
אַז מיר ווייסן נישט פון נישט צו זאָגן.
מיר זענען אַלע כאַווײרים גוטע,
איך, און יאַנקעלע, און הערשעלע, און נאָטע,

מיר זענען אַלע קינדער פון איין הויף, צוזאַמען,
ס'איז צווישן אונדז קיין קריג קיינמאָל נישט פאַראַנען.
איז וואָסזשע עפּעס פּלוצעם אַ מעהומע?
וואָסי? בעטלליגער וויל מילכאָמע?
פאַרוואָס, פאַר ווען,
וואָס איז געשען?

ניין!

מיר וועלן זיך נישט שלאָגן איינער מיטן צווייטן,
נאָר בעסער שפּילן זיך אין אונדזער שפּיל צעפרייטן.
און אַז ער, שלוימל, פלוימל, בעטלליגער
וויל זיך זיין אַ בייזער קריגער
און מילכאָמע האַלטן,
טאָ, זאָל ער זיך אַליין דעם קאָפּ צעשפּאַלטן
אַליין —
ווייל קיינער פון אונדז וועט מיט אים שוין מער נישט גיין!

ניין! ניין! ניין!

נאָר אַלע וועלן מיר זיך שטעלן אים אַנטקעגן,
און נישט גיין אין זיינע קריגערישע וועגן;
ווייל מיר זענען ברידער אַן האַס און אַן נעקאָמע,
מיר ווילן נישט קיין מילכאָמע!

און אַז די קינדער האָבן אויסגעהערט די רייד
פון דעם יינגל,
מיטן שאַרפן צינגל,
האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט.
און אָנגעהויבן טאַנצן, שפּרינגען
און לידעלעך צו זינגען,
און זיך אָנגעהויבן דרייען
אינעם ראָד פון זייערע שפּילערייען.

און מער נישט מוירע געהאַט פאַר בעטלליגער,
שלוימל, פלוימל, דעם בייזן קריגער!

דאָס עלנטע ייִנגל

איז גוט אז א ייִנגעלע האָט וואָס צו עסן,
איז גוט אַז אַ ייִנגעלע האָט ווו צו שלאָפן;
איז וואָסזשע זאָל טאָן אַזאַ ייִנגל וואָס האָט נישט,
נישט ווו צו שלאָפן, און נישט ווו צו עסן?!

איז וואָסזשע זאָל טאָן אַזאַ ייִנגל?

נו, וואַלגערט ער אום זיך אויף גאַסן און שטיינער,
אַ מאַזל אַזאַ שוין בײַ עלנטע קינדער; —
און ס'איז אַזאַ ייִנגעלע הויט נאָר און ביינער
אַ גופֿל אַ דאַרס אַז סע דוכט זיך — אָט פֿליט ער.

און גוט איז דאָס ייִנגעלע, אַ גוטס, אַזאַ שטילער,
ער קלאָגט נישט פֿאַר קיינעם זײַן מאַזל דעם ווײסטן;
דערפֿילט ער דעם הונגער דאַן ווערט ער אַ שפּילער,
און זוכט זיך זײַן עסן אַרום אויף די מיסטן . . .

און קלײַבט אויף דעם אָפּפֿאַל פֿון גוווירישע שטיבער,
וואָס דען זאָס ער טאָן אַז ער האָט דאָך נישט קיינעם;
איז גוט אַז דער הונגער צעברענט זיך ווי פֿיבער,
און מוטשעט, און קאָרטשעט און מאָנט אַזאַ איינעם?!

אַוואַדע —
קינדער וואָס האָבן אַן אייגענעם ווינקל,
אַ טיש ווו צו עסן, אַ בעט ווו צו שלאָפן; —
ווייסן נישט פֿון דעם וואָס עס ווייסט אַן עלנטער ייִנגל:
אַז די גאַס זאָל זײַן הייב זײַן, אויף גאַס זיך צו באַוועגן.

אַוואַדע —
קינדער אַזעלכע האָבן דאָך וואַרימע היימען,
טאַטעס און מאַמעס וואָס צערטלען און גלעטן —
וואָס קענען זיי ווייסן פֿון אַ קינד וואָס האָט קיינעם,
וואָס די מיסטן זייער טיש איז. די שוועלן — זייערע בעטן.

ליד וועגן הונגעריקע קינדערלעך

אַ ווינט איז געלאָפן, אַ ווינט האָט געטראָגן,
געקלאַפּט אין די טירן די מענטשן צו זאָגן:

מענטשן, אַ קינד איז געבליבן אליין.
אַליין אויף דער וועלט מיט זיין אייגן געביין.

א קינד פון אַן אָרימער אַרבעטער שטיבל,
א היים אין דער טיף אין אַ קעלערדיק גריבל.

די מאַמע געשטאָרבן שוין לאנג פון סוכאָטע,
און באַ דער אַרבעט געהאַרגעט געוואָרן דער טאַטע.

איז וואָסזשע זאָל טאָן איצט אַן עלנטס דאָס קינד?
יאָגט און פרעגט דער צעטראָגענער ווינט.

און אז ס׳איז שפעטער געקומען דער מאָרגן,
איז נישט געווען ווער סע זאָל דאָס ייִנגעלע פאַרזאָרגן.

האָט מען געהערט, סע האָט צעטראָגן דער ווינט,
דעם געוויין פון אַן עלנטן קינד.

און פון ערגעץ נישט איז קיינער געקומען צוגיין,
וואָס זאָל שטילן דעם צעוויינטן קינד זיין געוויין.

האָט די גאַס דאָס דערהערט, און די גאַס האָט דערזען,
אַז אַ קינד איז געבליבן אויף וועלט גאָר אַליין.

האָט גאַס צעשפּרייט אירע אָרעמס געשווינד,
און האָט אויפגענומען צו כאָווען דאָס עלנטע קינד.

און אַז דער טאָג איז געקומען, האָט ער געטראָפן
אויף אַ שוועל פון אַ טיר אַ ייִנגעלע שלאָפן.

האָט טאָג אים געזאָגט: — ייִנגעלע, אַ גוטמאָרגן!
וואָסזשע, דו האָסט נישט ווער סע זאָל פאַר דיר זאָרגן?

האָבן זיך אַ פּאָר בלויע אייגעלעך אויף טאָג אָנגעשטעלט,
און האָבן געקוקט מיט קינדערשן שרעק אויף דער וועלט!

האָט ייִנגעלע נישט געוווּסט ווו צו גייִן און ביז וואַנען,
האָבן אַ פּאָר דאַרינקע פיסעלעך אָנגעהויבן צו שפּאַנען.

שפּאַנען פיסעלעך איבער גאַסן צוויי און פיר,
ביזקל זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ שטוב פאַר אַ טיר.

און אינווייניק, אין שטוב, זענען מענטשן געזעסן
זאָגט זיי דאָס ייִנגעלע: — מענטשן, כ'וויל עסן!

האָבן די מענטשן פון שטוב זיך צעלאַכט
און האָבן פאַר דעם ייִנגעלע די טיר צוגעמאַכט.

איז ייִנגעלע געבליבן אַ הונגעריקער אין דרויסן,
און עס האָט אויפגעהויבן אַ שטיין אַ גרויסן,

אַ וואָרף געטאָן אין פּאַנים דער שלעכטער וועלט
און די גאַס האָט געהערט ווי אַ הונגעריק ייִנגעלע שעלט.

פּלוצעם, איז אויסגעוואַקסן אַ מענטש באַם ייִנגעלעס זייט
ווייל דער מענטש האָט געהערט ווי דאָס ייִנגעלע שרייט.

האָט דער מענטש אים געזאָגט: ייִנגעלע, וואָס טויג דיר דאָס שרייען,
דיין אָרט איז דאָך צווישן אונדז אין די באַאוּלטע רייען!

און דער מענטש האָט אָנגענומען דאָס ייִנגעלע פאַרן האַנט
און מיט זיכערע טריט האָט ער מיטן ייִנגעלע געשפּאַנט.

דאָס ייִנגעלע גייט, און אים אַנטקעגן,
קומען הונגעריקע קינדערלעך, דורך אַלע וועגן.

גייען קינדערלעך, הונגעריקע, אין רייען געשורטע,
מיט פּויסטעלעך געבײלטע, מיט אויפברויז געגורטע!

איבער די קעפּלעך דער רויש פון די פאָנען,
קינדערלעך הונגעריקע, פאָדערן, מאָנען!

אייגעלעך — פונקען, צעברענטע ווי פייער,
גייען אַנטקעגן דער וועלט דער נייער!

דער מענטש שפּאַנט אין שפּיץ — זיין קאָל, סע ברומט!
וועלט! — דאָס איז דער דאָר, דער נייער, וואָס קומט!

מיט האַמער געפּויסטיקט — מיט בליק אָנגעשאַרפטן,
דאָס נייע אויפבויען — דאָס אַלטע צעוואָרפן!

דאָס וואונדערלעכע אָוונט-ברויט

אַ שטיבל אַ קליינס און אַ אָרימס.
אָט — ווי אַ פויערשע כאַטע; —
אַרום אַ ליידיקן טיש זיצט אַ הויז-געזינד,
אַ מאַמע, פיר קינדער, און דער טאַטע.

זייערע פּענימער ריידן און זאָגן,
זיי דערציילן פון הונגער און פון נויט. —
אויגן פאַרלאָשענע טראָגן,
דעם כאָלעם פון אַ קיילעכיק ברויט.

שטיל איז אין שטיבל. נאָך שטילער
ווי ביי אַ טויטן אין גרוב; —
פּלוצעם — פיר קעפּעלעך פאַלן
פאַרכאַלעשטע אויפן טיש שווער אַראָפּ — —

דאָס שטיבל סע גיט זיך אַ וויג,
דער טאַטע און די מאַמע — אַ גיי; —
פאַלן-צו צו אַ ליידיקער קריג.
אויפן דנאָ ליגט זייער פּיין און זייער וויי.

וואָס-זשע טוט מען? עס שפּרינגט דאָך די הויט —
עס שלאָגט זיך אַ קאָפּ אין דער וואַנט —
פּלוצעם — עס גייט אויף אַ קיילעכיק ברויט,
אַ מיראַזש — פון אַ וואונדערלעך לאַנד.

און דער טאַטע ווערט גרעסער און העכער,
דער מאַמען ער גיט איר אַ שלעפּ —
און שפּרייזט איבער שטיבער און דעכער,
און קלעטערט אַרויפצו אויף טרעפּ.

און פּלוצעם — ער גיט אַ פאַל-צו צו די קינדער,
און וועקט זיי אויף פון זייער האַלבן טוימן;
קינדער — אָט גרייט איך צום טיש אייך אַצינדער,
אַ וואונדערלעך אָוונט-ברויט.

און דערציילט זיי אַ מייסע נישט פון פאַרצייטן.
און אויך נישט אַמאָל איז דאָס געשען.
נאָר ערגעץ, אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
קען מען דאָס היינט, קינדערלעך, זען.

און דאָס לאַנד איז אַ זוניקס, און גרויס.
גרויס — אַ זעקסטל טייל פון דער ערד.
פאַר אירע קינדערלעך — אַ וואַרימען שויס,
ווי אַ געטרייע מאַמע אירע קינדערלעך — נערט.

דאָרט איז נישטאָ פון דיינס און פון מיינעם,
דאָרט ווייסט מען נישט וואָס סע הייסט אַזוינס נויט.
ווייל אַלץ געהערט צו אַלעמען און צו קיינעם,
און צו דער זעט עסט דאָרט יעדערער ברויט.

און די קינדערלעכס אייגעלעך ווערן,
אַנגעצונדן מיט אַ ליכטיקן שיין; —
און מיט שנירעלעך — גאָלדיקע טרערן,
קינדערלעך פיר שלאָפן איין...

און ס'ווערט נאָענט דאָס וווּנדערלעכע לאַנד,
דער מיזרעך — ער צינדט זיך אין רויט —
און ס'גייט ווי אַ זון אויף ביים ראַנד,
אַ וווּנדערלעך קיילעכיק ברויט.



„אָט אַזוי נייט אַ שנײַדער,
אָט אזוי נייט ער נאָך;
נייט און נייט אַ גאַנצע וואָך
און פֿאַרדינט אַ דרייער מיט אַ לאָך".

מיכעלע דעם שניידערס

(פּאָעמע)

איך וועל אייך דערציילן
אָ מייסעלע באַלד.
נישט פון קיין היילן
מיט גאַזלאָנים אין וואַלד.
און נישט פון קיין פרינצן, פּרינצעסן,
וואָס שווימען אין גאָלד,
דאָס מעגט איר שוין, קינדער פאַרגעסן,
מען האָט דאָס נישט האָלד...

נייערט,

כ׳וועל אייך דערציילן אַצינד
פּאַשעט און קלאָר,
אָ מייסעלע פון אַן אָרימען קינד,
וואָס האָט געטראָפן אויף וואָר,
וואָס האָט געטראָפן, און ס׳וועט לאַנג נאָך געשען
ביזקל ס׳וועלן קינדערלעך גוטע אַנדערש פאַרשטיין,
און וועלן פאַרשטיין אַז אַזוי איז נישט גלייך,
אַז מענטש מיט מענטש זאָל צעטיילט זיין אויף אָרים און רייך
נאָר גלייך דאַרפן זיין אַלע, אַלע,
נאָר מאַלע,
ביז וואַנען אַזוי אָ וועט ווערן
גיט קריי דער האָן,
און דאָס מייסעלע וועט איר איצט הערן,
אָט הויב איך עס אָן!

I.

שטרייק

מיכעלעס טאַטע איז אַ שניידער,
ברענגט ער אַרבעט פון אַ שניידער - קלייט;
מאַכט ער פאַר די באַלעבאַטים שיינע קליידער —
זיצט ער אַלע טאָג און נייט, און נייט. — — —

און אַז מיכעלעס טאַטע איז אַ שניידער,
איז ביי זיי אין שטוב — אַ שניידערשער מאַזשער;
דרייען זיך פון ניי - מאַשין די רעדער,
און ס'העלפן צו — נאָדל, פּרעס און שער.

האָט מיכעלע ליב אַזוי צו קוקן
ווען טאַטע זיצט און נייט אויף דער מאַשין,
ווי ער גייט און שטעפּט און בויגט זיין רוקן
און זינגט זיך צו אַ ניגנדל אויף דין...

געפעלט אים טאַקע זיין טאַטנס שיינער זינגען,
בעט זיך מיכעלע: טאַטע, זינג נאָך, נאָך!
הויבט אָן טאַטנס זינגען דינער נאָך צו קלינגען:
„העי, שקלאַפן, וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם יאָך!"

בלייבט מיכעלע זיצן מיט אָפן מויל און גאַפן,
עפּעס פאַרשטייט ער יאָ, און עפּעס ניין,
פרעגט ער: טאַטע, זאָג מיר, וואָס הייסט שקלאַפן?
און זיין טאַטע הויבט אים אָן צו געבן צו פאַרשטיין . . .

און ווי דער טאַטע האַלט אַזוי אין רעכטן מיטן סאַמע,
און מיכעלע שלינגט זיין טאַטנס רייד און הערט;
לויפט אָן פון גאַס זיין טאַטנס ברודער שאַמע
און זאָגט: ס'האָט אונדזער פאַריין דעם שטרייק שוין דערקלערט! . . .

בלייבט זיצן טאַטע מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן
און אויף מאַמעס פּאָנים ליגט אַזאַ מין ווײ —
און אז מיכעלע קוקט אין טאַטע־מאַמעס אויגן
טראַכט ער: וואָס איז היינט געשען אין שטוב באַ זיי?! . . .

און אין שטוב ווערט אַזאַ שטילער שווייגן —
פּלוצעם — הויבט זיך טאַטע אויף מיט קאַעס,
גיט אַ קלאַפּ אין טיש: — בלוטזויגערס, מיר וועלן זיי שוין צייגן —
און גיט אַ פּראַל די טיר און יאָגט אַרויס אויף גאַס...

און מיכעלע בלייבט זיצן מיט אָפן מויל און גאפן,
עפּעס, פאַרשטייט ער יאָ, און עפּעס, ניין —
ביזקל ער ווערט אויף מאַמעס הענט אַנטשלאָפן
און כאָלעמט, און רעדט פון שלאָף צו זיך אליין! . . .

II.

זונטיק?

אויף מאָרגן אַז מיכעלע איז אויפגעשטאַנען,
און אַראָפּ פון בעטעלע אַ באָרוויסער אויפן דיל,
האָט ער זיך געוואונדערט און גאָרנישט פאַרשטאַנען
פארוואָס איז היינט באַ זיי אין שטוב גאָר אזוי שטיל?...

געוווינט איז ער ווי אַלע טאָג באַם אויפשטיין
צו טרעפן זיצן שוין זיין טאַטן באַם מאַשין
צי גאָר מיט שווערן פרעס - אייזן באַם טיש שטיין
און פּרעסן און טאַקע זינגען שוין אויף דין.

און היינט שטייט גאָר דער ניי - מאַשין אַ שטילער
און די שער הענגט מיט איר שאַרף אזוי צעשפּרייט;
און דער פּרעס - אייזן אין ווינקל שטייט אַ קילער,
און דער טאַטע זיינער זיצט גאָר נישט און נייט...

טראכט זיך מיכעלע: אַהאַ, מיסטאַם איז זונטיק,
זיין טאַטע אַרבעט נישט אין זונטיקדיקן טאָג
זונטיק, ווייסט ער, פּוצט מען אים אויס, אזוי ציכטיק
און דערנאָכדעם גייט ער אין קינאָ אריין באַטאָג...

און דאָרט זעט ער טאָם מיקסן אין רייטן;
אָ, ווי גיך ס׳יאָגט טאָם מיקס אויף זיין ווייסן פערד,
און שיסט מיט צוויי רעוואָלווערס און טרעפט אין אלע זייטן
און ס׳לויפט זיין פערד אַזוי, אַז ס׳ציטערט אַזש די ערד...

האָט טאַקע מיכעלען אַ פרייד ארומגענומען
און ס׳האָבן זיינע אייגעלעך זיך גלאַנציקער צעשיינט...
און אז ס׳איז זיין מאַמע אין שטוב אריינגעקומען
פרעגט ער זי: מאַמע אַיאָ, ס׳איז זונטיק היינט?...

וויסט נישט מאַמע זיינע, וואָס זאָגט מען אים אַ שטייגער,
ס'איז דאָך מיכעלע איצט נאָך אַזוי קליין,
וואָלט זי אים געזאָגט, אַז טאַטע איז אַ שטרייקער,
וועט דאָך מיכעלע איצט סיי ווי נישט פֿאַרשטיין . . .

זאָגט זי אים אַז טאַטע איז פֿארנומען,
ער איז איצטער אין ארבעטער - פֿאריין!
און אז טאַטע וועט פֿון דאָרטן אהיים קומען,
וועסטו זען שוין, מיכעלע, ווי גוט סע וועט אונדז זיין . . .

און מיכעלע הערט זיך איין אין מאַמעס ווערטער
עפּעס זאָגט זי אים פֿון אַ שטרייק געווינען,
און פֿון באַלעבאַטים גראָבע, און אַרבעטער פֿארצערטע,
און אז טאַטע וועט דערנאָכדעם מערער שוין פֿארדינען.

וועט ער מיכעלען קויפֿן שיינע שפּילערייען
און אַ באַנדעלע, אַן עמעס'ן טאַקע, ס'וועט אזש קראַכן
און אַ אָנצוגל וועט אים טאַטע אַ נייעם אויפֿנייען
און נאָך, און נאָך אזויפֿיל שיינע זאַכן . . .

ווערט מיכעלע פֿול מיט אָט דעם גליק געגארטן,
און אַ שמייכעלע בלייבט אויף זיינע ליפּעלעך הענגען
און מיכעלע זעצט זיך אויף דער שוועל אויף זיין טאַטן וואַרטן,
אַז טאַטע זאָל אים אָט די אַלע שיינע זאַכן ברענגען. . .

און מיכעלע זיצט אויף דער שוועל פֿון טיר און וואַרט,
און זיין טאַטע מיט די זאַכן, קומט נאָך אַלץ נישט אָן,
טראַכט זיך מיכעלע, אַז זיין מאַמע האָט אים אָפּגענאַרט,
לאָזט ער אַראָפּ זיין נעזעלע און בלאָזט זיך אָן . . .

III.

וואָס איז געשען?

איז אַוועק אַ טאָג און צוויי
און אַ דריטער איז פאַרביי.

און אַזוי אַ גאַנצע וואָך,
און דערנאָכדעם נאָך און נאָך; —

און סע איז די צייט געגאַן,
מיט אַ איילנדיקן שפּאַן.

זיצט מיכעלע און טראַכט און טראַכט,
סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט,
און קען נאָך אַלץ גאָרנישט פאַרשטייַן,
וואָס סע איז באַ זיי געשען.

פריער פלעגט ער האָבן אַלץ,
פלעגט ער עסן ברויט מיט שמאַלץ,
פלעגט ער עסן ברויט מיט פּוטער —
ס'איז זייַן טאַטע זייער אַ גוטער
פלעגט ער ברענגען פון דער גאַס —
אויף אַן עמעס, נישט אויף שפּאַס —
קאַראַמעליעס, טשאָקאָלאַדן,
און מאַסיטעס, מערמעלאַדן,
און נאָך אַזעלכע נאַשערייען,
אַך, ווי מיכעלע פלעגט קייען.
און אַצינדערט ליידט ער זייער
ווייל טאַטע ברענגט אים גאָרנישט מער.

ווייסט נישט מיכעלע פאַרוואָס,
איז זייַן הערצל מיט פאַרדראָס,

ברויגעזט ער זיך אָן און וויינט,
ווייסט זיין מאַמע וואָס ער מיינט,
ווייסט זיין מאַמע וואָס ער וויל,
זאָגט זי אים אזוי אָ שטיל:
— מיכעלע, מיין קינד, מיין ליבס —
און איר קאָל איז אַזאַ טריבס —
— כ'ווייס דאָך קינד מיינס, ביזט אַ גוטער,
ס'איז נישטאָ קיין ברויט, קיין פוטער,
ס'איז נישטאָ קיין טשאָקאָלאַטע.
זעסטדאָך, ס'ארבעט נישט דיין טאַטע,
און פאַרדינט נישט אויף צום לעבן.
ווו זאָל איך נעמען, זאָג, פונוואַנען?
וואָלסטו מיכעלע פאַרשטאנען. . .

קוקט מיכעלע זיין מאַמען אָן.
האָט זי אים אַ כאַפּ געטאָן,
און זי קושט אים און זי וויינט,
ווייל איר האַרץ איז שטאַרק פאַרשטיינט.
נעמט מיכעלע זי שטאַרק אַרום
און קושט זיין מאַמען הייס און פרום.

IV.

באַגינען

ס'איז געווען נאָך פרי באַגינען,
ס'האָט די זון זיך ערשט צערינען,
און פון הימל, דאָ און נידער —
פונקט ווי נעכטן און היינט ווידער —
האָט געכוואַליעט גאָלד און שטראַלן,
און איז איבער שטאָט געפאַלן;

זיך צעשאָטן אויף שטיק שטיקלעך,
איבער דעכער, איבער בריקלעך
און אויף גאַסן, טראָטואַרן
האָט זיך זון גענומען שפּאַרן,
און מיט ליכט געטאָן אַ פינקל,
אומעטום אין יעדן ווינקל; —
און אַז טאָג האָט זיך צעבונדן,
איז די נאַכט פון שטאָט פאַרשוווּנדן.

שטאָט דערפילט, אז ס'איז איר וואַרעם,
האָט געטאָן זיך אַ צעליאַרעם
אַ צעטרייסל אירע ביינער,
שלאָפן דאַרף שוין איצט נישט קיינער! —

האָבן זיך געעפנט טירן,
און אויף גאַס גענומען פירן,
מענטשן נאָך מיט שלאָף אויף אויגן;
צו דער ארבעט האָט געצויגן.

מענטשן, מענטשן, מענטשן אײַלן,
פון אַלע עקן און שטאָט - טײַלן.
צו דער אַרבעט יאָגט מען זיך
יעדער, יעדער, לויפט אויף גיך.

ווייל סירענעס פייפן, רופן: —
צו דער אַרבעט נישט פאַרשלאָפן!

יאָגט די שטאָט אויף גאַס אַצינד
מענער פרויען, אַלט און קינד.

און פאַבריקן — אין די הויכן —
שפּייען שוין דורך קוימענס רויכן.

און סע איז אַ טאַנץ געוואָרן
פון מאַשינען און מאָטאָרן,
אין איין יאָגנדיק געדריי
רימענס, פּאַסן טרייבן זיי.

האַמער, ראָד און שטאַנג
אַרבעט גייט אין פולן גאַנג.

און די אַרבעטער אינמיטן
גלייך ווי שרייפלעך און געווינטן
פון מאַשין און מענטש באַוועג
איז געוואָרן איין געיעג.

און אַזוי אין קאַראַהאָד,
פון דער ווילדיקער שטאָט;
האָט די זון זיך אויך געדרייט,
אַ שטילינקע און שטילערהייט
אין זי מיט איר גאָלדיק שיין
צו מיכעלען אין שטוב אריין.
און גענומען ליכט אויסשפּינען,
און מיכעלען אין בעט געפינען.
אין זיין פּעניםל זי גלעט אים
און אין אויערל זי רעדט אים
„נו, יינגעלע, זיך אויפגעשטעלט
ס'האָט דער טאָג זיך שוין צעהעלט!"

עפנט מיכעלע די אויגן
און פון שלאָף זיך אויסגעצויגן
און ער זעצט זיך אויף אין בעט,
זעט ער ווי זיין טאַטע שטייט
איבער אים אַראָפּגעבויגן
און ער קוקט אים אין די אויגן

גלעט זיין קעפּל גלייך ער צוואָגט אים
און אַזוי זיין טאַטע זאָגט אים:

— מיכעלע מיין האַרציק קינד,
הער וואָס כ'זאָג דיר אָן אַ צינד,
„אַז דו וועסט זיך פירן פיין,
און אַ גוטער יינגל זיין,
און נישט וויינען, און נישט שרייען
און נישט מאָנען נאַשערייען
און אויספאָלגן זאָלסט דיין מאַמען,
וועל איך, מיט דיין פעטער שאַמען
קומען דאָ באַטאָג צוגיין
און דיך מיטנעמען אליין,
אין אונדזער אַרבעטער פאַריין,
וועסטו זען וואָס דאָרט וועט זיין
וועסטו גיין מיט אונדז צוזאַמען
איך, און דו, און פעטער שאַמע,
נאָר דו דאַרפסט זיך פירן פיין
און אַ גוטער יינגל זיין!"

אַזוי האָט טאַטע אים געזאָגט,
ווען ס'האָט נאָרוואָס הײנט געטאָגט.

און אַז טאַטע איז אַוועק,
זעצט ער זיך באַם בעטל ברעג.
און ער טראַכט אין טאַטנס רייד;
וואַקסט פון אים אַרויס די פרייד
און ער וואָלט געוואָלט שוין זיין
דאָרט אין אַרבעטער פאַריין.

V.

אין ארבעטער פאַריין

װער־זשע האָט געקענט דען זיין צו מיכעלען גלייך,
װען דער טאַטע זײנער האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט;
ס'האָט די פרייד אין אים געפלאָסן, װי אַ פליסנדיקער טייך,
װען צװישן טאַטן און פעטער שאַמע, האָט איצט מיכעלע געשפאַנט.

ס'האָט די גאַס געררױשט, געהודיעט און געװימלט.
אַ געיעג פון אויטאָס, אָמניבוסן און טראַמװײען;
און מיכעלע איז געגאַנגען אַ ביסעלע צעטומלט,
אַ קלײניקייט, ער גייט דאָך איצט אין אַרבעטער פאַריין.

און אָט זענען זײ שוין טאַקע אָנגעקומען
און אַז זײ זענען אינעװייניק אַלע דרײ אַרײן,
האָט מיכעלע אַלצדינג דאָ באַטראַכטן זיך גענומען.
„הײסט עס, אַז אַ־דאָס־אָ איז זײן טאַטנס אַרבעטער פאַריין?!"

אָװאַ, ס'אַראַ גרויסער זאַל, און אַזױ פיל מענטשן
און די מענטשן זענען, װי זײן טאַטע, בלײך און דאַר.
האָבן זיך אַלע אױסגעזעצט אויף די בענק מיט די פאַרענטשן,
האָט זיך אויכעט מיכעלע אַװעקגעזעצט, און װאַרט.

זיצט ער. װאַרט ער. װיל ער שוין װיסן, װאָס דאָ װעט זײן,
װאָס װעלן אָט די אַלע מענטשן דאָ־אָ טאָן.
געפעלט טאַקע מיכעלען זײן טאַטנס אַרבעטער פאַריין,
דרייט ער אוים זײן קעפעלע און קוקט זײן טאַטן אָן.

דערװײלע בלאָנדזשען זײנע אײגעלעך אַרום איבערן זאַל,
װי צװײ דערשראָקענע שעפסעלעך פאַרבלאָנדזשעטע פון הײם,
און אַזױ אָ בלאָנדזשענדיק גיבן זײנע אײגעלעך אַ פאַל
אויף דער װאַנט אַרויף װו ס'הענגט אַ בילד דאָרט אין אַ ראַם.

געפעלט מיכעלען דער מענטש, װאָס איז געמאָלן אויפן בילד,
נאָר פאַר װאָס־זשע איז זײן קאָפּ און פּאָנעם מיט אַזױפיל האָר באַװאַקסן?
װונדערט זיך מיכעלע און פרעגט זײן טאַטן אין דער שטיל.
פאַרשטייט דער טאַטע זײנער, און דערציילט אים װעגן קאַרל מאַרקסן.

„אָ, זעסט, מיכעלע, יענער מענטש דאָס איז קאַרל מאַרקס,
אַ גוטער מענטש געװען, אַ גרויסער אַרבעטער־פירער,
ער האָט געװאָלט דאָס אַרבעטער־פאָלק זאָל זײן אַ שטאַרקס,
האָט ער דאָס געלערנט װי אַזױ צו קעמפן קעגן די פאַרפירער".

„ער האָט געלערנט, אַז מענטשן דאַרפֿן נישט צעטיילט זיין אויף אָרעם און רייך,
ווייל אַלץ וואָס אויף דער וועלט פֿאַראַנען איז פֿאַרן מענטשן באַשאַפֿן.
אַלע מענטשן דאַרפֿן זיין ווי ברידער פֿאַרייניקט און גלייך,
עס דאַרפֿן נישט זיין קיין הערשער און קיין שקלאַפֿן."

און ווי מיכעלע האָט זיך אַזוי צוגעהערט צו זיין טאַטנס ווערטער,
האָט זיך אַ געקלאַנג איבערן זאַל דין און שאַרף צעטראָגן.
זענען אַלע מענטשן געבליבן זיצן שטיל אויף זייערע ערטער
און איינער אַ מענטש האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען עפּעס זאָגן.

האָט מיכעלע דערקענט. אָ, ס'איז דאָך טאַקע ער, זיין פּעטער שאַמע,
וואָס שטייט דאָרטן אויבן אָן באַם טישל און ער שרייט:
— „ברידער אַרבעטער איצטער איז די רעכטע צייט געקומען סאמע,
אַז מיר זאָלן פֿון אונדזערע עקספּלואַטירער ווערן שוין באַפֿרייט"

„ברידער, מיר מוזן אונדזער שטרייק און קאַמף געווינען,
מיר טאָרן מער נישט זיין שוין פֿאַרשקלאַפֿטע, ווי די קנעכט!
ברידער, אין אונדזער פֿאַרייניקונג וועלן מיר דעם זיג געפֿינען,
אַקשאָנעסדיק און דרייסט זאָלן מיר פֿאָדערן אונדזער רעכט!

„ברידער, מוט און גלויבן, ס'וועלן בייטן זיך די צייטן,
נישט שטענדיק וועלן מיר, אַרבעטער, לעבן ווי די פּאַריער!
איר וועט זען, אַ נייע זון פֿאַר אונדז וועט אויפשטייגן פֿון ווייטן
און ס'וועט הערשן איבער דער וועלט דער קלאַס פֿון פּראָלעטאַריער!"

און צום ערשטן מאָל האָט מיכעלע, אין זיינע זיבן יאָרן,
געהערט זיין פּעטער שאַמען זאָגן אָט די ווערטער,
פּלוצעם איז אינעם זאַל אַ הענט־געפּאַטש געוואָרן;
„בראַוואָ, בראַוואָ", האָבן אַלע זיך צעשריגן פֿון די ערטער.

און מיכעלע איז געזעסן און געהערט און נישט פֿאַרשטאַנען.
האָט מיכעלע געטראַכט: ווען איך וואָלט שוין אַ גרויסער איצט געווען
וואָלט ער אויכעט ווי זיין פּעטער שאַמע איצט געשטאַנען,
און גערעדט אַזוי ווי ער, אַזוי הויך און שיין.

און אַז מיכעלע איז פֿאַרנאַכט מיט זיין טאַטן אַהיים געקומען
איז זיין מאַמע שוין געשטאַנען אויף דער טיר און האָט געוואַרט.
איז מיכעלע אַרויף צו איר און זי שטאַרק אַרומגענומען
און צוגעפּרעסט זיינע ליפּעלעך צו אירע, אַזוי האַרט.

און מיכעלע האָט דערציילט פֿון אַלעמען זיין מאַמען,
וואָס ער האָט געזען אין זיין טאַטנס אַרבעטער פֿאַריין.
איאָ, מאַמע, אַז כ'וועל זיין אַ גרויסער, ווי דער פּעטער שאַמע
און ווי דער טאַטע, וועל איך אויך אַן אַרבעטער זיין?

VI.

איבערפאל

אַז סע איז דער טאָג אַוועק
און די נאַכט איז אָנגעקומען,
איז שטאָט מיט פינצטערניש פאַרדעקט
אַלע גאַסן און אַרומען.

האָט שטאָט געוויזן וואָס זי קען,
ליכט און פינצטערניש צעבונדן;
און געטאָן זיך אַ צעברען
מיט לאָמפּן טויזנטער געצונדן.

ברענען לאָמפּן, פייער ליכט
העננט די פינצטערניש צעשפּאָלטן;
שטאָט איז גרויס און ברייט, געדיכט,
האָט דער טאָג זיך אויסבאַהאַלטן.

און ער קוקט פון ערגעץ ווו,
צו דער שטאָט אַהער אַריבער,
זעט אַלצדינג וואָס ס'טוט זיך דאָ
אויף די גאַסן, אין די שטיבער.

זעט ער אין די רייכע גאַסן
אַ געבלענד פון לאָמפּן - ליכטער,
און אינעווייניק אין פּאַלאַצן
פרייד בײַ מענטשן אויף געזיכטער.

דאָ־אָ וווינען זיי, די רייכע,
וואָס־זשע האָבן זיי צו זאָרגן?
די טעג פאַר זיי זענען דאָך גלייכע,
גוט דער היינט, און גוט דער מאָרגן.

אָבער אַנדערש איז אין ווינקל,
פון די אַרבעטער קוואַרטאַלן;
גאַסן לאָמפּן ברענען טונקל,
אין דער פינצטערניש צעפאלן.

ס׳הענגט די נאַכט איבער די שטיבער
ווי אַ שווערע לאַסט וואָלט דריקן
פון דער כאַשכעס, הונגער פיבער.
קוקט די נויט מיט פּאַכעד - בליקן.

ס׳איז די צייט היינט אַזאַ שווערע,
אַרבעטער אָן אַרבעט זענען,
שפּרייט די נויט זיך מער און מערער
אין זייערע שטיבער פול אין פּיינען.

גייען אום די ווייב און קינדער,
מיט איימע בליקן אין די אויגן;
אַז אַרבעטסלאָזיקייט אַצינדער,
האָט איבערן קוואַרטאַל פאַרצויגן.

אָט אַזוי איז אינעם ווינקל,
פון די אַרבעטער קוואַרטאַלן;
גיט די זון אַמאָל אַ פינקל,
ווערט זי אויבעט באַלד פאַרפאַלן.

און די צייט איז נישט געשטאַנען.
ז׳איז געגאַנגען און געלאָפן;
ווייסט מען נישט פון וו פון וואַנען,
עפּעס האָט זיך דאָ געטראָפן.

ס׳איז געווען אַ נאַכט ווי אַלע.
ס׳האָט דער זייגער צוועלף געשלאָגן.
אין קוואַרטאַל זענען שוין אַלע,
אין טיפן שלאָף געווען פאַרטראָגן.

פלוצעם רודערט דער קוואַרטאַל.
ס׳האָט אַזש פינצטערניש געשטוינט,
פון פּאָליציי אַ איבערפאַל
וו ס׳האָט מיכעלע געוווינט.

קלאַפּן פויסטן האַרט אין טיר,
— העי. איר דאָרטן, עפנט אויף!
גיט די שטוב זיך אַ גערירּ,
און פון שלאָף מען כאַפּט זיך אויף.

און מיכעלע באַם בעטל ברעג,
טוליעט זיך אין מאַמען איין.
אין זיינע אייגעלעך גלאַנצט די שרעק,
ווער קען דאָרט באַנאַכט איצט זיין?!

גיט די טיר אַן עפן זיך,
ס'גיט אַ ציטער אזש די וואַנט,
און אין שטוב באווייזט זיך גיך,
מענטשן צוויי און אַ וויזשילאַנט.

און מען שפּרינגט צום טאַטן צו.
— עך דו פויגל, ביזט געפּאַקט.
שלאָגסט זיך גאָר און שטערסט די רו,
האָסט אַ שטרייק־ברעכער דעם קאָפּ צעהאַקט?!

מיר ווייסן גוט שוין ווער דו ביזט,
מיינסט באַ אונדז איז דער סאָוויעט?
עך דו זשוליק, קאָמוניסט!
נעמט אים כעוורע, דעם „אַטלעט!...“

שטייט דער טאַטע בלוי און בלאַס.
מיט קייטלעך־קלאַמערס אויף די הענט,
אויף זיין פּאָנים פלאַמט דער קאַעס,
ווי אַ טיגער ר'איז געפּענט...

און אַז טאַטע איז אַוועק
האָט מיכעלע זיך ערשט צעקלאָגט.
און מאַמעס אויגן פול מיט שרעק
האָט באַגעגנט דער פאַרטאָג.

און פון ווייט פון ערגעצווו,
האָט דער טאָג אַלץ צוגעזען,
וואָס באַ מיכעלען אין שטוב
איז אין איינעם אַ באַנאַכט געשען!...

VII.

אין טפיסע

אַז ס'איז מיכעלע מיט זיין מאַמען געבליבן אַליין
איז דערנאָכדעם געקומען פעטער שאַמע צוגיין: —
האָט ער געטראָפן זיין מאַמע פאַרוויינט און פאַרקלאָגט,
האָט מיכעלע געהערט ווי פעטער שאמע האָט געזאָגט:
— הינדע, איך וויל זאָלסט מיך פאָלגן און הערן,
ס'איז נישט קיין צייט איצט פאַר ווייבערשע טרערן.
די רעאַקציע בושעוועט איבערן גאַנצן לאַנד,
ס'האָט פאַשיזם צעברענט זיך מיט טייפעלשער בראַנד...
ס'האָט זיך כמאַרע פאַרצויגן אויף אַרבעטער גאַס.
נאָר ס'מאַכט נישט. דו קענסט דאָך דעם אַרבעטער־קלאַס.
נו, מעגן זיי שאַרפן דעם שטאָל פון באַגנעט.
ווי שטאָל איז דאָך אויבעט דאָס האַרץ פון פראָלעט
עס שרעקט אונדזער קלאַס נישט די לופע פון ביקס
מיר גייען פאָראויס און נישט אויף צוריק.
נאָך שטאַרקער ווי טאָמעד, געשלאָסן אין ריי,
דו ווייסט דאָך, דיין זאַלמען איז איינער פון זיי.
איז זיצט ער אין טפיסע, איז וואָס? ער זיצט נישט אַליין.
אויב דו ווילסט קענסטו היינט פאָרן אים זען.

האָט עס מיכעלע געהערט און ס'איז אים געפעלן געוואָרן
זיך זען מיט זיין טאַטן ווען מיכעלע פאָרן,
האָט מיכעלע באַ זיין מאַמען גענומען זיך בעטן,
האָט מאַמע אָנגעהויבן אין וועג זיך צו גרייטן.

זיצט מיכעלע און זיין מאַמע און פאָרן אין טראַמוויי,
פאָרט מען איין גאַס און אַ צווייטע פאַרביי,
און מיכעלע זיצט באַ זיין מאַמען אויפן שויס
און קוקט פון טראַמוויי דורכן פענסטער אַרויס
און מען פאָרט און מען פאָרט און מען פאָרט אזוי לאַנג
ס'האָט מיכעלע ליב פון טראַמוויי דעם געקלאַנג
און ס'לויפן די שטיבער און ס'לויפט דער טראַמוויי
ביזקל טראַמוויי קומט אַרויס אויף פעלדיקער פריי.
און קוקט פון טראַמוויי דורכן פענצטער אַרויס
און מיכעלע זיצט באַ זיין מאַמען אויפן שויס
דערזעט ער פון ווייטן א מויער אַ שטאַרקן,
און גרויס איז דאָס מויער, פאַרצוימט מיט אַ פאַרקן: —

גיט ער זיין מאַמען אַ שטילינקן פרעג:
און ווייזט איר דאָס מויער וואָס שטייט דאָרט באַם וועג.
גיט מאַמע אַ זיפץ, גלעט זי מיכעלען צאַרט:
— „קינדעלע, זעסט, דאָרטן אָ, זיצט דער טאַטע פֿארשפּאַרט
אָט באַלד וועסטו מיכעלע, דיין טאַטן זען:
אוי קינדעלע, ווען דו זאָלסט נאָר קענען פֿארשטיין.

איז מיכעלע מיט מאַמען געקומען צום מויער.
האָט זיך געעפֿנט אַן אייזערנער טויער.
און מענטשן מיט ביקסן, מיט סאַבלעס און שפּיזן,
האָבן זיך פֿאר מיכעלעס אויגן באַוויזן.
און מיכעלע קוקט. זיין הערצעלע שרעקט זיך.
אין זיין קינדעריש קעפּעלע פֿאַכעד עס וועקט זיך.
האָט ער זיך פֿעסט צו מאַמען געטוליעט.
אין הויף האָבן בייז אַ פּאָר שפּאָרן געהויליעט
און ס'האָבן סאָלדאַטישע שטיוול געשפּאַנט
און האָבן אַ מענטשן געפֿירט מיט קייטלעך אויף האַנט,
אָ, ווער איז דער מענטש וואָס איז דאָ צוגעקומען,
און קושט זיך מיט מאַמען, און רופֿט איר באַם נאָמען?
און מיכעלע עפֿנט נאָך גרעסער די אויגן
פֿאר אים איז אַ פּאָנים באַקאַנט דורכגעפֿלויגן
עס איז דאָך דער טאַטע! — און מיכעלע וואַרט נישט —
און שפּרינגט אויף די הענט. גלייך זאָרגישט אים אַרט נישט,
און האַלדזט שטאַרק זיין טאַטן און בעט זיך באַ אים:
איאָ, טאַטע, וועסט פֿאָרן מיט אונדז איצט אַהיים?
שטייט טאַטע פֿארגליווערט ווי געקוועט צום אָרט,
מיט קאַעס אויף זיין פּאָנים און רעדט נישט קיין וואָרט.
אים בריען די קייטלעך אויף זיינע געפּנטעטע הענט
און גרוי איז זיין פּאָנים ווי פֿון דער טפֿיטע די ווענט ...
און מיכעלע קוקט, זיין מאַמע זי וויינט:
— זאַלמען, איך ווייס ווי מען האָט דיר פֿארפּיינט...
און מיכעלע קוקט אויף די בייזע סאָלדאַטן,
ער הויבט אָן פֿאַרשטיין און זיין הערצעלע דריקט אים...
ער ווייסט שוין, ער ווייסט שוין וואָס סע זאָגט פֿעטער שאַמע
איעדערן טאָג ווען ער קומט צו זיין מאַמען.
און מיכעלע קוקט אויף די בייזע סאָלדאַטן,
וואָס בינדן די הענט און שלאָגן זיין טאַטן.
האָט זיך מיכעלע שטאַרקער צום טאַטן געטוליעט,
אין הויף האָבן סאָלדאַטישע שפּאָרן געהוליעט,
און ס'האָבן סאָלדאַטישע שטיוול געשפּאַנט
און צוגענומען זיין טאַטן מיט קייטלעך אויף האַנט.
און אַז מיכעלע מיט מאַמען זענען אַרויס פֿונעם מויער,
האָט שווער זיך פֿארמאַכט דער אייזערנער טויער...

VIII.

מיכעלע בענקט

מיט מיכעלען איז עפּעס געשען,
וואָס — ווייסט ער נישט אַליין.

און ס'ווייסט נישט אַפילע זיין מאַמע.
און אויך נישט זיין פעטער שאַמע.

מיינט זיין מאַמע, אַז מיכעלע איז קראַנק,
גיט זי אים טרינקען אַ געטראַנק;

איז דאָך אָבער מיכעלע נישט קראַנק,
וויל ער נישט טרינקען דאָס געטראַנק;

דריקט ער זיינע ליפּעלעך פעסט צונויף,
און גיט אַ לויף אַרויס אויפן הויף;

און אויפן הויף זענען דאָ אַנדערע קינדער,
נאָר מיכעלע האַלט זיך פון זיי באַזונדער.

רופן אים קינדערלעך זיך שפּילן,
אַרט נישט מיכעלען וואָס די קינדערלעך ווילן,
און זוכט זיך אָפּ אַ גרויסן שטיין,
און זעצט זיך אַוועק איינער אַליין.

זיצט ער אין אַ ווינקל אַ שטילן,
און סע אַרט אים נישט וואָס די קינדערלעך שפּילן.

זיצט ער אַזוי, און דערמאָנט זיך, און טראַכט,
וואָס סע כאַלעמט זיך אים אַ יעדן באַנאַכט.

פון דעמאָלט אָן ווען ער האָט געזען אין טפיסע זיין טאַטן,
כאַלעמט זיך אים מיט די בייזע סאָלדאַטן...

און מיט זיין טאַטן מיט די קייטלעך אויף די הענט
וואָס איז פאַרשפּאַרט הינטער די פינצטערע ווענט,

כאַלעמט זיך אים אַז ער איז דאָרט באַ דער טפיסע באַם מויער
און ווי ער איז צוגעקומען האָט ער געעפנט דעם טויער.

און אַז ער איז אַריין אינעווייניק האָט ער דערזען
זיין טאַטן, אַ מידן, פאַרפייניקטן שטיין.

האָט מיכעלע גאָרנישט מוירע פאַר די שלעכטע סאָלדאַטן
און גיט אַ לויף צו צו זיין טאַטן.
און טוט אים אויס די אייזערנע קייטלעך פון די הענט,
האָבן זיך געגעבן אַ צעפאַל פון דער טפיסע די ווענט...

און סע צעוואַלגערט זיך דער גאַנצער שטאַרקער מויער,
און סע צעברעכט זיך אַפילע דער אייזערנער טויער...

און די סאָלדאַטן ליגן אונטער דער צעוואַלגערטער ערד,
און קענען שוין גאָרנישט נישט טאָן מיט זייערע ביקסן און שווערד...

און זיין טאַטן איז גוט, ער שמייכלט און לאַכט,
ער גייט איצט אויף פריי שוין, פון קיינעם באַוואַכט.

און מיכעלע פירט זיין טאַטן פאַר דער האַנט.
אַזוי שפּאַנען זיי ביידע אויף דער גאַס איצט באַנאַנד.

און מיכעלע פילט זיך אַזוי גוט, אַזוי פיין.
און ער ברענגט זיין טאַטן אין זייער שטוב אַריין!

ווערט פריילעך אין שטוב און סע פרייט זיך זיין מאַמע
און מיכעלע האַלט זיך גרויס פאַר זיין פעטער שאַמע.

און פעטער שאַמע נעמט מיכעלען אויף זיין שויס אַרויף,
און זאָגט אים: אַזוי, מיכעלע, מע דאַרף מאַכן פון טפיסעס אַ סאָף.

אַזוי־אָ זיצט מיכעלע און ער דערמאָנט זיך און טראַכט,
וואָס סע כאַלעמט זיך אים אַ יעדן באַנאַכט...

זיצט ער זיך אַליין אין אַ ווינקל אַ שטילן,
און סע אַרט אים נישט, וואָס אין הויף די קינדערלעך שפּילן.

ווייל מיכעלע בענקט און וויל זיין טאַטן זען,
ווייסט קיינער נישט, וואָס מיט מיכעלען איז עפּעס געשען...

IX.

דער טאַטע קומט

הײַנט אינדערפרי,
ווען ס'האָט נאָר וואָס געטאָגט —
האָט מיכעלעס מאַמע
אים אַזוי געזאָגט:

ווייסט, מיכעלע, סאַ סוואָרע,
אַז היינט נאָך, זאָל דער טאַטע קומען.
האָט מיכעלען אַזוי דערפרייט די בסורע,
אַז ער האָט טאַנצן גענומען.

און ס'האָט אַלצדינג פון שטוב זיך צעזונגען,
דער טיש דאָס בענקל און מאַשין,
און אין מיכעלעס אויערן האָט געקלונגען,
ווי דער טאַטע זיינער זינגט שוין אויף דין...

און אין מיכעלעס הערצעלע, די פרייד האָט געשטיגן,
ביזקל זי האָט זיך איבער דער גאַנצער שטוב צעשוווּמען
און פון אומעטום, פון אַלצדינג האָט אַרויסגעשריגן:
„דער טאַטע, דער טאַטע וועט קומען".

נאָר מיכעלעס מאַמע שטייט מיט אַ געמיט אַ שווערן
אַ טרויעריקע אַזאַ, אָט, צום וויינען.
דערזעט טאַקע מיכעלע אין אירע אויגן צוויי טרערן,
טראַכט ער: — וואָס זאָל דאָס מיינען?

בלייבט מיכעלע שטיין, אין זיינע אייגעלעך וווּנדער:
וואָסזשע, דער מאַמען סע פרייט נישט?
און זיינע אייגעלעך ווערן אים גרעסער און רונדער,
און מיכעלע קוקט און פאַרשטייט נישט.

אָבער מיכעלע וויל איצט נישט וויסן פון גאָרנישט,
גלעט ער זיין מאַמען, די טרערן ערווישט איר.
— מאַמעלע, מאַמעלע איצט וויינען מע טאָרנישט,
סע קומט דאָך דער טאַטע — און האַלדזט איר און קושט איר.

און אַז טאַטע וועט קומען אַיאָ, וועט מיר ברענגען,
זאַכעלעך שיינע און פיל שפּילערייען?
און ס'וועט שוין די שער אויף דער וואַנט מער נישט הענגען,
און מאַשין וועט זיך דרייען און דער טאַטע וועט נייען?

הערט מאַמע די רייד און זי איז ווי צעטראָגן.
און ס'בלייבט נישט דערזאָגט שטיין אַ וואָרט באַ איר ליפּ ווי פאַראַנקערט.
צו וואָס זאָל זי איצטער איר מיכעלען זאָגן,
אַז ס'קומט דער טאַטע פון טפיסע, פאַרפּייניקט, אַ קראַנקער?

שווייגט זי. און איר שווייגן צעשפּרייט זיך
און פילט אָן די שטוב מיט אַ טרויער אַ שטומען...
און מיכעלע קוקט צו דער טיר און ער פרייט זיך,
סע וועט דאָך פון טפיסע דער טאַטע היינט קומען...

X.

אַנדערש

ניין,
נישט אַזוי האָט מיכעלע געמיינט וועט זיין,
ווי ס'איז געווען,
ווען ס'איז זיין טאַטע פון טפיסע געקומען צוגיין.
ניין,

גאָר אַנדערש. אַנדערש, האָט מיכעלע געטראַכט,
ביי באַטאָג און באַנאַכט.
און שטענדיק, יעדע רגע און מינוט
האָט מיכעלע געפילט אַזוי גוט,
ווען ער האָט נאָר אַ טראַכט געטאָן
דערפון —
ווען זיי וועלן שוין זיין צוזאַמען,
ער, מיט זיין טאַטן, און זיין מאַמען
און ווידער
וועט זיין טאַטע באַ דער אַרבעט זינגען לידער,

לידער וואָס וועלן קלינגען אַזוי דין,
ווען דער טאַטע וועט נייען אויף דער מאַשין
און די מאַשין וועט קלאַפּן און זיך דרייען,
און אין דערמיט וועט מיכעלע זיך פרייען.

אָט אַזוי האָט מיכעלע געמיינט וועט זיין
ווען זיין טאַטע וועט קומען פון טפיסע צוגיין.

וואָלט אַוואַדע גוט אַזוי אָטאָ געווען
ווי אַזוי ס'האָט מיכעלע געטראַכט
איז דאָך אָבער עפּעס אַנדערש געשען,
און ס'האָט זיך אַנדערש, גאָר אַנדערש געמאַכט...

יאָ. און מיכעלע וועט שוין געדענקען יענעם טאָג,
יענעם טאָג, וואָס איז געקומען מיט געוויין און מיט קלאָג,
און וועט אים בלייבן איינגעקריצט אין זיין זיקאָרן
אויף אַלע פיינע וויטערדיקע יאָרן!..

און איצט ווייסט שוין מיכעלע פאַרוואָס זיין מאַמע
האָט אָנגעטאָן אַ שוואַרצע קלייד,
ווייל ס'האָט אַלצדינג אים דערציילט זיין פעטער שאַמע,
און מיכעלע האָט שוין גוט פאַרשטאַנען זיינע רייד...

און איצט ווייסט שוין מיכעלע אַז זיין טאַטע איז געשטאָרבן
דערפאַר ווייל מען האָט אים אין טפיסע זיין געזונט פאַרדאָרבן.

סע האָבן אים די פּאָליציייאישע הענקער געפּייניקט און געשלאָגן,
מיט גומענע קישקעס אויפן נאַקעטן לייב פון זיין טאַטן,
ווייל זיי האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל זיי דערציילן און זאָגן
ווו עס געפינען זיך זיינע כאַווערים, די קאָמוניסטישע יאַטן.

איז אָבער זיין טאַטע געווען אַ קעמפער אַן עכטער
וואָס האָט געקעמפט פאַר אַ בעסערער וועלט אַ גערעכטער,
האָט ער זיין צונג אין שווייגן פאַרשלאָסן,
און פון זיין צעוווּנדיקטן לייב האָט בלוט זיך געגאָסן...

ביזקל, ביזקל ס'איז טאַטע געפאַלן אונטער די הענקערס טאָרטורן —
אָ — ס'וועט שוין מיכעלע דאָס געדענקען אויף אַלע זיינע יאָרן!..
און וועט ער זיך דערמאָנען וועט זיין האַרץ זיך צעברענען מיט האַס,
ווייל ס'איז דאָך מיכעלע אַ קינד פון באַוואָוסטן אַרבעטער קלאַס!

XI.

מיכעלע ווערט אַ שניידער

און אַזוי איז דאָס געשען.
און אַזוי איז דאָס געווען —
און די צייט איז זיך געגאַן,
מיט אַן אײַלנדיקן שפּאַן,
און זיך גאָרנישט אָפּגעשטעלט —
אָט אַזוי איז שוין די וועלט,
נאָר זי יאָגט און לויפֿט און גייט
אין אַ קאַראַהאָד זיך דרייט...
בלייבט קיינמאָל גאָרנישט שטיין.
איין זאַך ווייסט זי — גיין און גיין —
און אין גאַנג אירן און שפּאַן
איז אויך מיכעלע פֿאַראַן
ווייל אויך מיכעלע איז ווייט
זיך אַוועק מיט גאַנג פֿון צייט.

און די פּיסלעך פּעטער שטעלט ער,
ווייל ער איז געוואָרן עלטער
און ער איז שוין אויסגעוואַקסן,
טראָגט שוין עלף יאָר אויף די אַקסלען. —

קומט אַ טאָג אָן, טראַכט זיין מאַמע,
און גיט אַ זאָג צו פּעטער שאַמע:
— שאַמע, ס'איז שוין דאַכט זיך צייט
מאַכן פֿון דעם יונג אַ לייט! —

האָט פּעטער שאַמע נישט געטראַכט,
און האָט אַלצדינג גוט געמאַכט.

און אַז ס'האָט דער מאָרגן זיך צעהעלט,
און באַם פענצטער זיך געשטעלט
האָט ער שוין דאָרט נישט געטראָפן,
מיכעלען אין בעטל שלאָפן.

ווייל מיכעלע איז מיט זיין מאַמען,
אַוועק אין שטוב צום פעטער שאַמען.

און אַז מיכעלע איז נאָר געקומען,
האָט פעטער שאַמען אים גענומען,
פאַר זיין דאַרן, קליינעם הענטל,
און מיט אַ שטיקל ברעגל בענדל
דאָס מיטלסט פינגערל פאַרבונדן,
און אַ פינגערהוט אַ רונדן,
אויף זיין פינגער אָנגעטאָן,
און צו אים אַ זאָג געטאָן:

— מיכעלע, דו הער זיך איין
פון איצט אָן ועסטו אַ שניידער זיין!

איז דאָס מיכעלען שטאַרק געפעלן
האָט ער אָנגעהויבן קוועלן
און זיין הערצעלע זיך פרייען.
ס'וועט מיכעלע זיך לערנען נייען.
וועט ווי טאַטע אַ שניידער זיין,
און גוט איז אים און ווויל און פיין...

און אַזוי איז דאָס געווען,
און אַזוי איז דאָס געשען,

און כע איז די צייט געגאַן,
מיט אַן איילנדיקן שפאַן. — — —

און איצט איז מיכעלע אַ שניידער
און אַרבעט אין אַ שניידערשן טאַזשער,
און ס'דרייען זיך פון ניי־מאַשין די רעדער
און ס'העלפן צו: נאָדל, פרעס און שער...

און נייט ווי זיין טאַטע האָט גענייט — אויף דער מאשין
און זינגט זיך צו אַ ניגנדל אויף דין — — —

און אין גערויש פון מאַשין הערט זיך זיין שטימע קלינגען,
און זינגט דאָס זעלביקע ליד, וואָס זיין טאַטע האָט געזונגען:

מיר שפּאַנען, מיר גייען,
אין רייען געשורטע,
דעם קאַמף צו באַנייען,
מיט אויפברויז געגורטע.

מיר גייען, מיר שפּאַנען,
פֿאַרייניקטע ברידער,
מיט אָנזאָג אויף פּאָנען
אויף ליפּן מיט לידער.

מיר גייען, מיר שפּאַנען
אין גאַנג צו באַפרייונג!

און אַז מיכעלע זיצט אַזוי און זינגט
און זיין שטימעלע אַזאַ דיניקע קלינגט,
זיצט דער פעטער שאַמע און הערט זיך איין,
און טראַכט דערביי: ס'וועט שוין מיכעלע זיין
ווי זיין טאַטע, אַ קעמפער אין די אַרבעטער רייען,
און העלפן אין קאַמף פאַר וועלט צו באַפרייען.
ווייל מיכעלע וואַקסט ערשט, און ר'איז אַ קינד פון אַרבעטער גאַס
און הויך וועט ער טראָגן די פאָן פון פּראָלעט — זיין שטאָם און זיין קלאַס.

אינהאַלט

דאָס ביכעלע און די קינדערלעך — 3

א.

אַ זון מיט אַ רעגן — 7
באגינען — 8
אַ פרימאָרגן ליד — 10
בערעלע — 12
אַ ייִנגעלע — אַ מיידעלע — 13
אַ זוניקער טאָג — 14
אָוונט — 15
באַנאַכט אין קאָלאָניע — 16
דאָס פייגעלע און דאָס ייִנגעלע — 17
ביילקעלע און פריידעלע — 18
מיין טעכטערל ריווקעלעס וויגלידעלע — 19
אַ ברויגעז — 20
שכיינים — 21
דאָס וואונדער לידל קלאנגל-קלינג — 22
אַ כאָלעם פון אַ ייִנגעלע — 24
נאשערס — 28
שפּיל — 30
קאַרנאַוואַל — 31
אַ רעגן — 32
פּעטער ליטמאַן — 34
אַ געזאנג צום קאָלאָניסט — 36

ב.

אַ מייסע וועגן גאָרנישט — 41
גענדזעלעך אויפן טייך — 43
קאַטשקעלעך גייען צו גאַסט — 46
אַ האָן האָט אַ קריי געטאָן — 50
ביקל באָקל — 52
דאָס פאַרבלאָנדזשעטע לאָשעקל — 54
צוויי שוועסטערלעך — 65
צאַליקל פּעפּער — 58
איציק שפּיציק נאָדלטעשל — 60

שלוימל פלוימל בעטלליגער — — — — — — — — 63
דאָס אָרימע ייִנגל — — — — — — — — — — — 67
ליד וועגן הונגעריקע קינדערלעך — — — — — — — 68
דאָס ווונדערלעכע אָוונט-ברויט — — — — — — — 70

ג.

מיכעלע דעם שניידערס (פּאָעמע)

I שטרייק — — — — — — — — — — — — — 76
II זונטיק? — — — — — — — — — — — — — 78
III וואָס איז געשען? — — — — — — — — — — 80
IV באַגינען — — — — — — — — — — — — 82
V אין אַרבעטער פאַריין — — — — — — — — — 85
VI איבערפאַל — — — — — — — — — — — — 87
VII אין טפיסע — — — — — — — — — — — — 90
VIII מיכעלע בענקט — — — — — — — — — — 92
IX דער טאַטע קומט — — — — — — — — — — 94
X אַנדערש — — — — — — — — — — — — — 95
XI מיכעלע ווערט אַ שניידער — — — — — — — 97

באַמערקונגען:

אויף דער זייטל 24 איז אַלפיטאָעס אַרייגעפאלן אַ פרעמדע צייכנונג.

אויף דער זייטל 12, אין ליד „בערעלע“, ערשטע שורע, אָנשטאָט אויפגעש—אנען, דאַרף זיין: אויפגעשטאַנען.

דערשינען פון זעלבן מעכאבער:

„אין ארגענטינע" (נאטור און פעלד לידער), 1925

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן צו אלע יידישע בוכהאנדלונגען
אין בוענאס איירעס, ווי אויך אויפן אדרעס פון מעכאבער:

ABRAHAM MOSHCOVICH
360 - Castelli - 360
Buenos Aires

דרוקעריי „פאליגלאטא" פון מ. פערצאווסקי,
קאריענטעס 3114, בוענאס איירעס.